בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדש

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א

## סעודה שלישית

## כי תצא תשכ"ז (חלק ב)

וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ

• כִּי 'תֵצֵא' לַמִּלְחָמָה. המלחמה נגד שונאי הדת הוא דייקא מבחוץ, ולא שמסבפנים ישבו עמהם ביחד • ביאור ענין שאם לא ישאנה בהיתר ישאנה באיסור • ענין היתר יפת תואר, לצורך הוצאת נשמות קדושות מבין הקליפות • גֵּרים הם נשמות קדושות העשוקות בין האומות, והיא שמביא אותם להתגייר, כדי לחזור אל הקדושה ולהתתקן • גֵּרוּת צריך שיהיה לשם שמים וקבלת עול מצות • בכור שור: העידו לאיסור, ואחד יודע העובדא שמותר, אם אפשר לו להקל בצנעא • העידו להיתר, ואחד יודע העובדא שאסור אין לו להקל כלל • העידו להיתר ואכלוהו, ושוב נתברר שהיו עדי שקר, הוי אונסא כמאן דלא עביד • אור החיים הק': כשמאבדין עבודה זרה וכדומה, מחלישין גם כל קומת הסטרא אחרא, וממהרין תיקון השלם •

**נעתקו בלשון אידיש**

## בהוספת ביאורים והערות

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ד לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** Copyright ©

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | אויטאמאטיש דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**



**לשון קדשו:**
**929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך **981** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→5→627.2**

# ברכת מזל טוב

הר״ר **יואל ישראל זופניק** הי״ו
לרגל אירוסי בתו - עב״ג החתן **שלמה** נ״י
בן הר״ר **שמואל הערש באכנער** הי״ו

הר״ר **משה יואל זילבערשטיין** הי״ו
לנישואי בנו החתן **נתן דוד** נ״י - עב״ג
בת הרה״ג ר׳ **אליקים געציל פאללמאן** שליט״א

הר״ר **עזריאל פעקעטע** הי״ו
לנישואי בנו החתן **צבי אביגדור** נ״י - עב״ג
בת הר״ר **חיים אלעזר איידליס** הי״ו

זכות וברכת רביה״ק זי״ע יחול על ראשם, שיזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם בשפע רב עד בלי די

# וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן

לע״נ האי גאון וצדיק חסידא ופרישא, ממובחרי תלמידי רביה״ק זי״ע וממעתיקי שמועתו, ובשליחותו עמד לשרת במאנטריאל, והעמיד תלמידים לאלפים, עמוד צלותהון ואוהבן של ישראל, עושה חסד לאלפים, אביהם של יתומים ושבורי לב

הגה״צ רבי **משה מנחם** זצ״ל **טירנויער**

בן הרה״ח רבי **משה מנחם** ז״ל - דומ״ץ ור״מ סאטמאר מאנטריאל - בעל שו״ת ״מנחם משיב״

הוא הגבר הוקם על אשר פקד עלינו לגשת אל העבודה ולעסוק בקדשים להוציא לאור הקונטרסים ״לשון קדשו״, לפרש ולבאר ולהפיץ דבריו של רביה״ק זי״ע שיבואו רבים ויהנו מאור תורתו. ודרש ובקש מאנ״ש ותלמידיו לעמוד לימיננו שנוכל להמשיך בעבודת הקודש.

נפטר ביום י״ד אלול תשפ״א

הגאון הצדיק מגדולי הרבנים, חריף ובקי טובא, העמיד תלמידים הרבה והרביץ בהם תורה יראה וחסידות, גדר גדר ועמד בפרץ

הגה״צ רבי **צבי יששכר דוב** זצ״ל **כ״ץ**

אב״ד בית יוסף צבי דושינסקי וראש ישיבת תורת אש

בן הגה״צ רבי **אשר שמואל הכהן** זצ״ל אבד״ק דזשיבוי

ממובחרי תלמידי רביה״ק זי״ע דבוק בתורתו ודולה ומשקה לאחרים ופעל למען חינוך הטהור ועניי ארה״ק - נפטר י״ג אלול תשע״ח

הרה״ח ירא ושלם, בימי הזעם מסר נפשו עבור שמירת התורה והמצות והנחת תפילין, אוהב שלום ורודף שלום ושימש בנאמנות בצרכי ציבור, דבק ברביה״ק זי״ע ובספריו

רבי **אפרים פישל** ז״ל **פריעדמאן**

בן הרה״ח ר׳ **אהרן** ז״ל הי״ד

נפטר י״ב אלול תשע״א

לע״נ הרב החסיד הישיש

רבי **מרדכי ישראל** ז״ל **געלבמאן**

ב״ר אברהם ז״ל

נפטר י״ב אלול תשע״א

הרה״ח ירא ושלם, שקדן בתורה בחשק ובתעצומה, תפלתו במתינות וזהיר באמירת הברכות, שם שמים שגור על פיו להודות תמיד, העביר על מדותיו ונזהר שלא לפגוע בזולתו

רבי **ניסן משה** ז״ל **כהנא**

ב״ר שלום ודינה ע״ה - נפטר ט״ז אלול תשע״ג

קרן חיה רויזא
לע״נ הרבנית הצדיקת חיה רויזא טייטלבוים ע״ה
בת כ״ק מרן רביה״ק זצוק״ל

הרה״ח רבי
**משה אפרים**
ב״ר **ארי׳** ז״ל
**הערשקאוויטש**

מרת **פערל** ע״ה **ענגעל**
ב״ר **יחזקאל זאב** ז״ל
אשת הר״ר **יצחק מנחם** ז״ל
נפטר י״ב אלול תשס״ט

KolSatmar.com

א

# קושיות ודקדוקים בפרשת יְפַת תּוֹאַר

### קושיא א

להבין כוונת ויתור אומרו כִּי ׳תֵצֵא׳ לַמִּלְחָמָה

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ.**

**א) ברויך מען צו פאַרשטיין, קודם** [דעם לשון פון] **כִּי ׳תֵצֵא׳ לַמִּלְחָמָה, - איך האָב שוין געשמועסט נעכטן נאַכט פון דעם - ס׳איז דאָך אַ מִלְחָמָה,** [וכמובן ממה שמסיים] **וּנְתָנוֹ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ,** [ואם כן] **ער האָט געדאַרפט צו זאָגן** [רק] **כִּי ׳תִלָּחֵם׳, מ׳וועט גראָד מִלְחָמָה האַלטן, וואָס הייבט ער עפּעס אָן כִּי ׳תֵצֵא׳, דו וועסט אַרויסגייַן צו דער מִלְחָמָה, און ער איז גאָרנישט מזכיר די מִלְחָמָה בְּעֶצֶם.**

ב

### קושיא ב

גם מה שהתחיל בלשון רבים אֹיְבֶיךָ, ומסיים בלשון יחיד וּנְתָנוֹ

**ב) און דערנאָך, ער הייבט אָן** [מיט אַ] **לָשׁוֹן רַבִּים,** [עַל] **אֹיְבֶיךָ**[א]**, און לאָזט אויס** [מיט אַ] **לָשׁוֹן יָחִיד, וּנְתָנוֹ.**

ג

### קושיא ג

גם להבין כוונת ויתור אומרו וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ.

**ג) און דערנאָך, וואָס איז דער וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ.**

ד

### קושיא ד-ה

ובספרי איתא עַל אֹיְבֶיךָ, כְּנֶגֶד אוֹיְבֶיךָ. אם תעשה כל האמור בענין, סוף שֶׁנְּתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ

**און דערנאָך, דער ספרי וואָס איך האָב נעכטן נאַכט געזאָגט. כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ, כְּנֶגֶד אוֹיְבֶיךָ. אם תעשה כל האמור בענין, סוף שֶׁנְּתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ.**

ה

ויש להבין מה משמיענו במה שדרשו ׳כְּנֶגֶד׳ אוֹיְבֶיךָ

**ד)** [וצריך ביאור] **וואָס דאַרף ער דערציילן ׳כְּנֶגֶד׳ אוֹיְבֶיךָ. אַודאי, אַז מ׳גייט מִלְחָמָה האַלטן, איז מען כְּנֶגֶד.**

ו

גם צ״ב מה שדרשו אם תעשה כל האמור בענין, סוף שֶׁנְּתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ. דהלא כל ענין יפת תואר שייך רק לאחר שנצחו במלחמה, ואם כן הנתינה בידך קודם לעשיית כל האמור בענין

**ה) און וואָס איז דער אם תעשה את כל האמור בענין, ׳סוֹף׳** [שֶׁנְּתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ]**. דעס גאַנצע ענין** [של יְפַת תּוֹאַר ודיניה] **- די גאַנצע פַּרְשָׁה - איז דאָך שוין געזאָגט געוואָרן** [אויף ווען מ׳האלט שוין] **נאָכן כִּיבּוּשׁ,** [וכמו שמקדים הכתוב כי] **וּנְתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ,** [אָבער] **דערפריער איז דאָך דאָס נישטאָ די גאַנצע זאַך** [פון יְפַת תּוֹאַר. ואם כן האיך שייך לומר דעם יקיימו האמור בפרשה, ׳סוף׳ שנתנו בידיך]**.**

---

[א] כי בלשון יחיד היה לו לומר אוֹיִבְךָ.

KolSatmar.com

ז

**הקדמה לקושיא ו**

בענין היתר יפת תואר, הביא רש"י דברי הגמרא לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרָע, **שאם לא ישאנו בהיתר ישאנו באיסור**. והוא תמוה, דהאיך שייך דמחשש שמא יעשה איסור, נתיר את האיסור. אם כן תפג תורה דבכל איסור יהא שייך לומר כן, ומאי שנא הכא

**דאָס גוף הענין, וואָס די תורה הקדושה האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס עִנְיָן פון יְפַת תּוֹאַר, ס'איז שוין יָדוּעַ וואָס דער אור החיים הקדוש[ה] איז מַאֲרִיךְ דערינען.** [שהרי לפי] **פָּשׁוּט איז דאָך עס נישט מעגליך,** [שהרי היוצאים למלחמה היו רק צדיקים (וכדלהלן באות ט)].

ח

[ובכלל] **דאָס גאַנצע איז דאָך עפּעס אַ פֶּלֶא פון אַ עִנְיָן,** [אַז] **די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט מַתִּיר געווען** [בשביל יצר הרע, אַזוי] **זאָגט רש"י[ב], לֹא דִבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרָע.**

**די גמרא זאָגט דאָך דאָס[ג], ס'איז אַ מימרא** [בגמרא] **מוּטָב שֶׁיֹּאכְלוּ בְּשַׂר תְּמוּתוֹת שְׁחוּטוֹת, וְלֹא יֹאכְלוּ בְּשַׂר תְּמוּתוֹת נְבֵילוֹת.**

**זאָגט ער** [ברש"י, לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא] **כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרָע, שֶׁאִם לֹא יִשָּׂאֶנָּה בְּהֶיתֵּר יִשָּׂאֶנָּה בְּאִסּוּר.**

[והוא תמוה, וכי פאַר] **אַזאַ איינעם קאָן מען מַתִּיר זיין אִסּוּרִים?** [ווייל] **וואָרן אַז נישט וועט ער עס טון בְּאִסּוּר?**

ט

ובפרט דהרי עורכי המלחמה היו כולם צדיקים גמורים,

והאיך שייך אצלם בחינה כזה לחוש שלא יעמדו נגד יצר הרע

**איבערהויפּט** [שהרי] **זיי זענען דאָך געווען צַדִּיקִים אַלע, די וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין די מִלְחָמָה.** [וכמו שאמרו[ד] דאפילו אם] **שָׂח בֵּין תְּפִלָּה לַתְפִלָּה עבירה היא בידו, וחוזר עליה מעורכי המלחמה.** [ואם כן הוא תמוה] **וואו איז פאַרהאַנדן ביי צַדִּיקִים ס'זאָל זיין עפּעס אַזאַ בְּחִינָה.**

י

אמנם כבר האריך האריך האור החיים הק' בביאור ענין על פי דברי כתבי האר"י ז"ל, דאדרבה יען שהו צדיקים אם כן בודאי אם יחשוק בה אין זה אלא מפני שיש בה נשמה קדושה הצריך תיקון והעלאה, ולכן אמרה ליקחנה כדי להעלותה

[נאָר] **דער אור החיים הקדוש איז** [שוין] **מַאֲרִיךְ[ה], אַז ס'האָט אַזוי געברויכט צו זיין,** [וועגן] **אַ נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ** [וואָס] **מ'האָט אַרויסגענומען,** [און] **ס'איז נישט בְּחִנָּם.**

---

[ב] **ברש"י** (כא, יא): **וְלָקַחְתָּ לְךָ לְאִשָּׁה. לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, שאם אין הקב"ה מתירה, ישאנה באיסור. אבל אם נשאה סופו להיות שונאה, שנאמר אחריו כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ וגו', וסופו להוליד ממנה בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, לכך נסמכו פרשיות הללו.**

[ג] **בגמרא קידושין** (כא: כב.): **תנו רבנן, וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה, בשעת שביה. אֵשֶׁת, ואפילו אשת איש, יְפַת תֹּאַר** [פירש"י: משמע מתוך שמתגרה בה יצרו מחמת יופיה התירה לו, ובקושי, אלא] **לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, מוטב שיאכלו ישראל בשר תמותות שחוטות** [בשר מסוכנת שחוטה, ואע"פ שהיא מאוסה, כדכתיב ביחזקאל (ד, יד) וְלֹא בָא בְּפִי בְּשַׂר פִּגּוּל (עי' חולין לז:)] **ואל יאכלו בשר תמותות נבילות** [לאחר שימותו ויהו נבלות].

[ד] **בגמרא סוטה** (מד:): **תניא שָׂח** [פירש"י: סִפֵּר] **בין תפילה לתפילה** [בין הנחת תפילין של יד לתפילין של ראש], **עבירה היא בידו** [אם לא חזר ובירך, דהכי אמרינן במנחות (לו.) סח מברך שתים לא סח מברך אחת], **וחוזר עליה מעורכי המלחמה.**

[ה] **באור החיים הק'** (כא, יב): **וליישב הכתוב צריך להעיר בענין, למה יצו ה' כדברים האלה, לטמא אדם עצמו בבת אל נכר. ובפרט בעת מעשה הנס, במקום שצריך להוסיף טהרה ודביקות בה', יתיר לעשות מעשה כיעור**

KolSatmar.com

[און] איבערדעם זענען די אַלע פּראָבעס[י], [ווי] ער איז מַאֲרִיךְ דערינען.

יא

[און] דער אֱמֶת, ס׳שטייט נאָך אין די כתבי האר״י[ז] די זעלבע בחינה, [אלא שהאוה״ח הק׳] ער איז מער מַאֲרִיךְ [בזה].

---

השנאוי אצלו יתברך, וזה יפעיל הרחקת דביקותנו בו יתברך. בשלמא התרת אכילת איסור מצינו לרמב״ם ז״ל (מלכים ח, א) שנתן טעם אם ירעב, והוא טעם נכון. אבל מעשה זה יתעבנו עושנו, ורבותינו ז״ל אמרו לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, [אבל על זה קשה] ומן הראוי הוא להכניעו ולאבדו מלב עַם קדוש בזמן ההוא אשר מלכם בראשם להלחם להם. ○ אכן יסוד הדבר וסודו הוא, על פי דבריהם ז״ל שאמרו שבחטא אדם הראשון נשבו כמה נשמות יקרות ביד סטרא אחרא, והם נשמות הגרים. וצא ולמד כמה וכמה גדולי עולם באים מהאומות, ורות המואביה תוכיח, וכמה גדולי עולם, שמעיה ואבטליון (סנהדרין צו:), ואונקלוס הגר, וכאלה רבות. ○ עוד אגלה לך סוד אחד, תִּמָּצֵא נשמה טהורה דבוקה בנשמה טמאה, ואין כח בטהורה להטות הטמאה להטיב, והיא מונחת שם עד עת דרור. וצא ולמד כיוצא בזה מנשמת רבי חנינא בן תרדיון שהיתה דבוקה בשכם בן חמור, כרמוז בתיבת רַחֲבַ״ת יָדַיִם, כאמור בדברי המקובלים, ומצינו שהנפש הלזו לא עשתה מפעל טוב בחמור, ויצתה כשדבק בדינה מצאה הנפש מינה ונדבקה בו, כאומרו (וישלח לד, ג) וַתִּדְבַּק נַפְשׁוֹ בְּדִינָה, ושמור לך כלל זה. ○ ויש נפש קדושה בין הקליפה, שבמקום שכונתה תטה לב השוכנת בתוכו להטיב, ויגרשו חלק הרע או ימתקוהו, והם הגרים המתגיירים מן האומות מעצמן, כרות המואביה וכנעמה [העמונית], וכמו שראינו בעינינו גרים שמעצמם באים ומתגיירים. ○ והנה כבר כתבתי כמה פעמים, כי באמצעות מעשה המצוה יתלבש באדם אור השכינה ויגרש ממנו חלק הרע, כאומרו (קהלת ח, ה) שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע, ובפרט שלוחי מצוה. ועיין מה שפירשתי בפרשת שלח לך, ששלוחי מצוה בעת שליחתם, אפילו מיצר הרע מצותם מצילתם, וכמו כן העוסק בעבירה, מתלבשת בו רוח הטומאה וּמְעַוֶּתֶת דרכו. ○ ואחרי הודיע ה׳ אותנו את כל זאת, יאירו מאמרי קֵל עליון כשמש בצהרים במצוה זו, והיא לפי שהקדים כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה וגו׳, שיציאתו היא לדבר מצוה כמו שפירשנו למעלה, אמר עוד אם ראה בַּשִּׁבְיָה פירוש בשעת שביה, וכמו שכן דקדק רמב״ם בפרק ח׳ מהלכות מלכים (ה״ג), כי באותה שעה עודנו עוסק במצוה, אם יראה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר, פירוש אשת סמוך וכו׳, להעיר שבאמצעות היותו עוסק במצוה יגלה ה׳ את עיניו להכיר באשת גוי שיש בה יפת תואר, שהיא נשמה הקדושה הנקראת יפת תואר, כי זוהר נשמות הקדושות מופלא ועצום הוא, וזאת האשה קנתה בה חלק זה הטוב, ולזה קראה הכתוב אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר, והכרתה היא שעל ידי שאתה רואה שאתה חושק בה, בזמן שאתה דבוק בשכינה, באמצעות היותך עסוק בשליחות מצוה כאמור, זה יעירך שלדבר טוב חשקת. ודקדק לומר [וְחָשַׁקְתָּ] בָהּ, ולא אמר אותה, להעיר כי לא לאשה אתה חושק אלא לְמַה שבה שהיא יפת תואר, שהיא חלק הטוב, הדומה לנפש הטהורה וכו׳. ואמר וְלָקַחְתָּ לְךָ לְאִשָּׁה וכו׳, שהלקיחה היא בנעלם, שהיא נפש הקדושה, שבאמצעות הענין יהיה לו בה לקיחה אחרת, שיזכה ביפת תואר, כי כשידבק איש ישראל באשה שבה חלק מהטוב, תיכף יקנה מקומו חלק הטוב בישראל ויזכה בו, כמו שזכתה דינה בת יעקב בנפש קדושה בפגוע בה שכם בן חמור. ○ והנה לפי שיש שתי בחינות בדביקות הקדושה בקליפה כמו שזכרנו למעלה, וזאת האשה אין ידוע אם חלק הדבוק בה הוא דבר היוצא בדביקה ראשונה כנזכר, ונשארה האשה חלוטה בחלק הרע ונתרוקנה מחלק הטוב, או אפשר שכולה נחלטת בחלק הטוב, כרות וכנעמה. לזה יצו ה׳ וַהֲבֵאתָהּ אֶל תּוֹךְ בֵּיתֶךָ וגו׳, וירחיק ממנה חלק דביקות בחינת רע, ואז תדבק האשה אחר שלשים יום (רמב״ם מלכים ח, ה), אם נתגיירה, אשתו זו והרי היא כרות וכנעמה, והוא אומרו וְהָיְתָה לְךָ לְאִשָּׁה אם יחפוץ. ואם לא יחפוץ וגו׳, זה לך האות כי חלק הטוב שהיה בה יצא על ידי מעשה הראשון, ונחלק הרע. ○ ולצד שיש מקום שיתאוה האדם לאשה נכרית בדרך זנות, כי לא אמרנו שלא יתאוה לנכרית אלא אם יש בה נפש קדושה, דוקא בזמן שהוא עסוק בדבר מצוה, כמו שכתבנו, מה שאין כן אחרי כן, לזה צוה ה׳ וְגִלְּחָה אֶת רֹאשָׁהּ וְעָשְׂתָה אֶת צִפָּרְנֶיהָ וגו׳, וכל הדברים המנוולים את האשה, להסיר תאוה הטבעית, ואם נתגיירה וחפץ בה, זה לך האות כי נתמתקה ונחלט ממנה חלק הרע, ולזה והיתה לו לאשה, ואם לא יחפוץ בה, דקדק לומר ״בָּהּ״, להעיר כי החפץ הוא במה שֶׁבָּהּ, שהוא ׳חלק הטוב׳ וכו׳.

[י] וְגִלְּחָה אֶת רֹאשָׁהּ וְעָשְׂתָה אֶת צִפָּרְנֶיהָ וגו׳, וכן כל הענין.

[ז] בספר הליקוטים בפרשתן: ואמנם להבין שאר הענין, צריך שנבין, איך אמרו רז״ל לא דברה תורה אלא נגד היצה״ר, וכי מפני שיצה״ר נתגבר על האדם, נתיר לו שיעבור עבירה גדולה כזו. ○ אך סוד הענין הוא, כי כמה נפשות גדולות וקדושות אתעשקו בטיקלא, והם גוים, ואמנם ישראל היוצאים למלחמה היו צדיקים כולם, כענין מִי הָאִישׁ הַיָּרֵא, מעבירות שבידו (סוטה מד.). ואם כאשר רָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר, ואז חָשַׁקְתָּ בָּהּ, זה יורה כי ודאי אותה האשה היא משורש ישראל, שלקחוה ושבו אותה הקליפות, ולכן וְלָקַחְתָּ לְךָ לְאִשָּׁה. וזהו מה שנאמר וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, כי זה הוא שבוי בידם מההוא טיקלא, ולכן ראוי לך ליקח אותה מהם וכו׳. [וכעין זה ביאר גם בשער המצות בפרשתן].

KolSatmar.com

און דער **ילקוט ראובני**[ח] ברענגט עס אויך פון די **כתבי האר״י**.

[והגם שבאוה״ח מוסיף בזה כמה הקדמות וביאורים] אָבער בְּדֶרֶךְ כְּלַל איז עס דער זעלבער רַעְיוֹן [ממה שכבר נזכר בשם האר״י ז״ל, אַז] דאָס איז אַזוי געווען [מן השמים, ווייל] ס׳האָט אַזוי געברויכט צו זיין [לצורך העלאת ותיקון נשמות דקדושה שהיו שבויים ביד האומות].

יב

[והראיה כי] אפילו **דָּוִד הַמֶּלֶךְ** איז דאָך אויך געווען [שלקח יפת תואר].

[און] דער אֱמֶת [ביי] דָּוִד הַמֶּלֶךְ [שטייט] **וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי** (תהלים קט, כב), [ואיתא בירושלמי][ט] **שֶׁהֲרָגוֹ בְּתַעֲנִית**, ער האָט שוין נישט געהאַט קיין יֵצֶר הָרָע׳, [רק] **הָפְכוֹ כּוּלוֹ לְטוֹב**.

און די **גמרא** זאָגט[יא] [אַז] **דוד המלך** האָט דאָך גענומען אַ **יְפַת תּוֹאַר**. [והיא] **מַעֲכָה**, [שהיא] **אַבְשָׁלוֹם**׳ס מוטער, און **תָּמָר**׳ס מוטער.

יג

על כל פנים אַזוי זאָגן זיי דאָך [בכתבי האר״י ובאור החיים הק׳, אַז] ׳דאָס׳ איז עס.

[ווייל] ס׳איז עפּעס געווען דערינען אַ נִיצוֹץ וואָס מ׳האָט עס געמוזט [מוציא זיין מבין האומות], און ס׳האָט געמוזט גיין אויף אַזאַ אופן, מ׳זאָל מוֹצִיא זיין, **לְהוֹצִיא בָּלְעָם מִפִּיהֶם**.

יד

קושיא ו

אמנם אכתי קשה לפי זה, דהאיך יותאם טעם זה, עם לשון חכז״ל בגמרא שאמרו בטעם

הדבר, כי **לא דיברה תורה אלא כנגד יצר הרע שאם לא ישאנה בהיתר ישאנו באיסור**

**ו)** נאָר אָבער, דעס שטימט אָבער נישט מיטן מאמר חכמינו ז״ל **שֶׁאִם לֹא יִשָּׂאֶנָּה בְּהֶיתֵּר יִשָּׂאֶנָּה בְּאִיסּוּר**, [דעל זה קשה] **היתכן** [אצל צדיקים שיחושו שמא ישאנה באיסור, ולביאורם של האר״י והאוה״ח] איז דאָך עס גאָר נישט ׳די׳ בְּחִינָה, ס׳איז דאָך גאָר אַן

---

[ח] **בילקוט ראובני** בפרשתן (אות ג) העתיק לשון המובא לעיל, **בשם כוונת אר״י**.

[ט] **בירושלמי** ברכות (דף סז.) וסוטה (כה.): **אבל דוד וכו׳ הרגו בלבבו**, מאי טעמא, **וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי**.

והלשון **שהרגו בתענית**, כן מובא בכמה ספרים, ומהם **בארחות צדיקים** (שער התשובה), וכן פירש שם **בקרבן העדה** על הירושלמי. וכ״ה **בייטב לב** (ריש פרשתן). [והוא כענין הנאמר בתהלים שם לאחר הפסוק ולבי חלל בקרבי, בִּרְכַּי כָּשְׁלוּ מִצּוֹם וּבְשָׂרִי כָּחַשׁ מִשָּׁמֶן].

[י] **בגמרא בבא בתרא** (יז.): **שלשה לא שלט בהן יצר הרע**, אלו הן אברהם יצחק ויעקב, דכתיב בהו בכל מכל כל. **ויש אומרים אף דוד, דכתיב וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי** [פירש״י: יצרי הרע מת בקרבי].

**ובגמרא עבודה זרה** (ד:): **דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי, לא דוד ראוי לאותו מעשה** [דבת שבע] **ולא ישראל ראוין לאותו מעשה** [דעגל], **לא דוד ראוי לאותו מעשה, דכתיב וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי** [פירש״י: יצר הרע חלל בקרבי ואין לו כח לשלוט בקרבי], **ולא ישראל ראוין לאותו מעשה דכתיב** (ואתחנן ה, כה) מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה אֹתִי כָּל הַיָּמִים.

[יא] **בגמרא סנהדרין** (כא.): **אמר רב יהודה אמר רב, תָּמָר** [פירש״י: אחות אבשלום] **בת יפת תואר היתה** [קודם שנתגיירה בלב שלם מעכה אמו, ילדה לו לדוד את תמר, והיתה אצלו בתורת יפת תואר], **שנאמר** (שמואל ב יג, יג) **וְעַתָּה דַּבֶּר נָא אֶל הַמֶּלֶךְ כִּי לֹא יִמְנָעֵנִי מִמֶּךָּ** [תמר מנסיב ליה עצה לאמנון], **ואי סלקא דעתך בת נישואין הואי, אחתיה מי הוה שריא ליה, אלא שמע מינה בת יפת תואר היתה** [ועדיין לא נתגיירה אמו כשילדתה, ותנן ולד שפחה וכותית מישראל אין לו קורבת אב, במסכת יבמות (כב.)].

**ועוד שם** (קז.) **דחושי הארכי הארכי אמר לדוד, מאי טעמא קנסיבת יפת תואר** [פירש״י: **דאמו של אבשלום** מַעֲכָה בת תלמי מלך גשור (שמואל ב׳ ג, ג), ותפסה דוד במלחמה, דאין לומר בעבירה באה לו, דהא כתיב (מלכים א טו) רַק בִּדְבַר אוּרִיָּה הַחִתִּי], **אמר ליה יפת תואר רחמנא שרייה**. – [ורבינו מביא דברי הגמרא שם באורך, להלן בקושיא י (הנדפס בחלק א׳ של הקונטרס)].

KolSatmar.com

אַנדערע בְּחִינָה, נישט דער חֲשַׁש [פון] לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרָע, [נאר] ס׳איז גאָר עפּעס אַנדערש. אין **דברי חכמינו ז״ל** אין-פלוג[יב] קאָן מען דאָך נישט אַריינזעצן, [דמדברי חכז״ל משמע דהוא] נאָר אַזוי אין פַּשְׁטוּת, [אַז ווייל] מ׳האָט מוֹרָא געהאַט חלילה פאַר אַן אִיסוּר - אַז מ׳זאָל נישט טון בְּאִיסוּר - האָט מען געמאַכט דערפון אַ הֶיתֵּר.

טו

דער אֱמֶת, מ׳געפינט עפּעס כעין זה [ווי] וואָס זיי זאָגן [האר״י והאוה״ח], - [ווי] כ׳האָב אין **פרשת ראה**[יג] גערעדט דערפון, - [דעס וואָס] שטייט אין **מדרש רבה** [על הפסוק] כִּי יַרְחִיב ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֶת גְּבֻלְךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָךְ וְאָמַרְתָּ אֹכְלָה בָשָׂר כִּי תְאַוֶּה נַפְשְׁךָ לֶאֱכֹל בָּשָׂר, בְּכָל אַוַּת נַפְשְׁךָ תֹּאכַל בָּשָׂר (ראה יב, כ), - כ׳האָב גערעדט דעמאָלטס דערפון, - [דלכאורה לפי פשוטו קשה] פאַרוואָס דאַרף ער זאָגן אַ טַעַם כִּי תְאַוֶּה נַפְשְׁךָ.

און דער מדרש זאָגט אויף דעם - **דער מדרש רבה**[יד] - זה שאמר הכתוב עֹשֶׂה מִשְׁפָּט לָעֲשׁוּקִים נֹתֵן לֶחֶם לָרְעֵבִים ה׳ מַתִּיר אֲסוּרִים, [ומפרש שם בפשט השני, כי] הקדוש ברוך הוא איז מַתִּיר אֲסוּרִים, דעס וואָס ס׳איז אָסוּר, מאַכט ער דערפון אַ הֶיתֵּר, אַזוי טייטשט ער [במדרש].

רעכנט ער אויס [דאָרט כמה ענינים כאלו, וואָס] ס׳איז די בְּחִינָה [פון] כָּל מַה דְּאָסַר רַחֲמָנָא שָׁרָא לָן כְּוָתֵיהּ[טו]. [וכמו כן באכילת בשר חולין], מ׳האָט גע׳אַסְרְ׳ט בָּשָׂר תַּאֲוָה [כשהיו במדבר] ווען דער בורא כל עולמים האָט געוואָלט, און היצט [כשנכנסו לארץ] האָט ער עס מַתִּיר געווען.

טז

און אין **ויקרא** [רבה] אויף אַן אַנדער פלאַץ[טז], שטייט מער באריכות, רעכנט ער אויס די אַלע זאַכן וואָס ס׳איז הקדוש ברוך הוא שָׁרָא לָן כְּוָתֵיהּ. רעכנט ער אויס

---

[יב] פירוש: בהבנה ראשונה, אויבנאויף.

[יג] **בס״ג ראה תשכ״ז** (לשון קדשו קונטרס רמח ח״ג), עיין שם כל הענין באורך.

[יד] **בדברים רבה** (ד, ט): **וְאָמַרְתָּ אֹכְלָה בָשָׂר כִּי תְאַוֶּה נַפְשְׁךָ לֶאֱכֹל בָּשָׂר בְּכָל אַוַּת נַפְשְׁךָ תֹּאכַל בָּשָׂר. זה שאמר** הכתוב (תהלים קמו, ז) **עֹשֶׂה מִשְׁפָּט לָעֲשׁוּקִים נֹתֵן לֶחֶם לָרְעֵבִים ה׳ מַתִּיר אֲסוּרִים. ○ מְדַבֵּר בישראל**, אמר רבי פנחס בר חמא, מלמד שהיו במצרים יותר משבעים אומות, ומכולן לא היו משעבדין אלא בישראל, ומי עשה להם דין, **עֹשֶׂה מִשְׁפָּט לָעֲשׁוּקִים. ○ נֹתֵן לֶחֶם לָרְעֵבִים**, אלו ישראל, מנין, שנאמר (בפרשתן ח, ג-ה) **וַיְעַנְּךָ וַיַּרְעִבֶךָ וַיַּאֲכִלְךָ אֶת הַמָּן וכו׳. ה׳ מַתִּיר אֲסוּרִים**, אלו ישראל, כיצד, רבנן אמרי שמונה דברים אסר להן הקב״ה, והתיר להן שמונה בהן, אמר הקב״ה **אסרתי לך את החלב** וכו׳ עד סדין בציצית, **הוי ה׳ מַתִּיר אֲסוּרִים. ○ אף להלן אָסַר בשר תאוה, וכאן הִתִּירוֹ להן**, מנין, **רַק בְּכָל אַוַּת נַפְשְׁךָ תִּזְבַּח וְאָכַלְתָּ בָשָׂר.**

[טו] **כדאיתא בגמרא חולין** (קט:): אמרה ליה ילתא לרב נחמן, מכדי **כל דאסר לן רחמנא שרא לן כוותיה**, אסר לן דמא, שרא לן **כבדא** [פירש״י: הכבד כולו דם קרוש הוא, וטעם דם לון] וכו׳. חֵלֶב בהמה, חלב חיה. חזיר, מוחא דשיבוטא [מוח של דג ששמו שיבוטא, טעמו כטעם חזיר]. גירותא [עוף טמא הוא], לישנא דכוורא [יש לו טעם גירותא]. אשת איש, גרושה בחיי בעלה. אשת אח, יבמה. כותית, יפת תאר. בעינן למיכל בשרא בחלבא [ומה אמצא היתר דוגמתן], אמר להו רב נחמן לטבחי זויקו לה כְּחָלֵי [זויקו, שפודו. תנו לה כְּחָל בשפוד] וכו׳.

[טז] **בויקרא רבה** (כב, י): דבר אחר **אִישׁ אִישׁ מִבֵּית יִשְׂרָאֵל** (אחרי יז, ג), הדא הוא דכתיב **עֹשֶׂה מִשְׁפָּט לָעֲשׁוּקִים, אלו ישראל**, דכתיב בהון (ירמי׳ שם) **כֹּה אָמַר ה׳ צְבָאוֹת עֲשׁוּקִים בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבְנֵי יְהוּדָה. נֹתֵן לֶחֶם לָרְעֵבִים, אלו** ישראל, דכתיב וַיְעַנְּךָ וַיַּרְעִבֶךָ. **ה׳ מַתִּיר אֲסוּרִים, מה שאסרתי לך התרתי לך, אסרתי לך חֵלֶב בהמה, והתרתי לך** בחיה. אסרתי לך גיד הנשה בחיה, והתרתי לך בעוף. אסרתי לך שחיטה בעופות, והתרתי לך בדגים. ר׳ אבא ור׳ יונתן בשם ר׳ לוי אמר, **יותר ממה שאסרתי לך התרתי לך** וכו׳. **אסרתי לך אשת איש, התרתי לך את השבויה.** אשת אח, התרתי לך יבמה. אשה ואת אחותה בחייהם, התרתי לך לאחר מיתה. לבישת כלאים, התרתי לך סדין בציצית. בשר חזיר, התרתי לך דג ששמו שיבוטא. את החֵלֶב, התרתי לך את השומן. את הדם, התרתי לך טחול. בשר בחלב, התרתי לך את הכחל. ר׳ מנחמא ור׳ ביבי ור׳ אחא ור׳ יוחנן בשם ר׳ יונתן אמרו, תחת מה שאסרתי

KolSatmar.com

׳דאָס׳ אויכעט, מ׳האָט געאַסרְ׳ט אַן אֵשֶׁת אִישׁ, וְהִתִּירוּ שְׁבוּיָה, אַ שְׁבוּיָה אַ יְפַת תּוֹאַר, ביי אַ שְׁבוּיָה בְּמִלְחָמָה האָט מען מַתִּיר געווען דערקעגן"[יז].

׳דאָס׳ איז אויך פון די כְּלָלִים, אַז כָּל מַה דְּאָסַר רַחֲמָנָא, שָׁרָא לָן כְּוָתֵיהּ.

ס׳איז ווידער אַן אַנדערע בְּחִינָה.

יז

[אמנם] לכאורה דאָס אַלעס שטימט נישט מיט די מימרא אַז ס׳איז לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרָע, שֶׁאִם לֹא יִשָּׂאֶנָּה בְּהֶיתֵּר יִשָּׂאֶנָּה בְּאִיסּוּר. דאַרף מען דאָך פאַרשטיין דעס ענין [האיך יתיישב פירושם בענין יְפַת תּוֹאַר, עם מאמר הגמרא שבזה].

עט

# ישוב הקושיות בפרשת יְפַת תּוֹאַר

## הקדמה לישוב קושיא ו

קודם איך וועל זאָגן אַ שטיקל רַעְיוֹן, וואָס דער פְּשַׁט איז [באומרם] שֶׁאִם לֹא יִשָּׂאֶנָּה בְּהֶיתֵּר יִשָּׂאֶנָּה בְּאִיסּוּר.

פ

לפי דברי חכמי אמת, מיירי הכתוב בנשמה המוכרח להעלותה. ואם כן באם לא היתה התרה מתרת אותה, היתה גם כן בהכרח באה אחר כך להתגייר, כי הניצוץ דקדושה היה ממשיכה להכנס אל הקדושה

לעולם איז דאָך אַזוי, טאַקע לויט דעם וואָס זיי זאָגן, וואָס די חַכְמֵי אֱמֶת זאָגן, - און ס׳איז גאָר אַ הֶכְרֵח, איך קען גאָרנישט זאָגן אַנדערש, - אַז דאָס האָט געהאַט אַ טַעַם וועגן אַ נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ, ס׳האָט געמוזט זיין. [אלא דצריכין אנו לבאר עוד בזה] וויאַזוי דאָס האָט פלאַץ [להעמיס זה] אין דברי חכמינו ז"ל [שאמרו הלשון] שֶׁאִם לֹא יִשָּׂאֶנָּה בְּהֶיתֵּר יִשָּׂאֶנָּה בְּאִיסּוּר.

פא

קלער איך אַזוי.

וואָרן לעולם איז אַזוי, אַז דאָס האָט געמוזט זיין, [און] ווען ס׳העט נישט געווען געגאַנגען אויף אַזאַ אוֹפָן - ס׳מוז דאָך אָבער זיין - העט עס געווען געקומען צו אַ גֵּרוּת [מעצמם]. (עיקר ההמשך לזה, להלן מן אות צא)

פב

כי כל ענין הגרים שמתגיירים מעצמם, הוא גם כן רק עבור שיש בהם נשמה קדושה הממשיך אותם לזה, וכמו שביאר האר"י ז"ל במאמר הגמרא לא גלו ישראל אלא בשביל שיתוספו עליהם גרים, דהיינו עבור העלאת ובירור ניצוצי הקדושה שבכל העולם על ידי קיום תורה ומצות, וכל שכן על ידי הגרים שמתגיירים על ידי מה שישראל הם בגלות, וכפי׳ המהרש"א שם

[דהנה] דער אר"י הקדוש זאָגט דאָך דאָס אויכעט"[יח], אַז [דעס] וואָס אידן זענען אין גלות בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתּוֹסְפוּ עֲלֵיהֶם ׳גֵּרִים׳"[יט], - [וואָס] בְּפַשְׁטוּת [מיינט עס כדי] ס׳זאָל צוקומען

---

לך התרתי לך, תחת איסור דגים, לויתן דג טהור. תחת איסור עופות, זיז עוף טהור הוא, הדא הוא דכתיב (תהלים נ, יא) יָדַעְתִּי כָּל עוֹף הָרִים וְזִיז שָׂדַי עִמָּדִי וכו׳.

[יז] שיש היתר ׳לעומת׳ האיסור.

[יח] **בשער הפסוקים** (פרשת שמות): ענין גלות מצרים, צריכים אנו לבארו במקום הזה, ובו יתבארו פסוקים רבים מפוזרים מזה ומזה. כבר נתבאר **בפרשת ראה** (בשער המצות, ובספר הליקוטים) במצות זכירת יציאת מצרים, סיבת הגלות שגלו ישראל בין האומות מה עניינם. ואמרנו, כי אדם הראשון היה כולל כל הנשמות, והיה כולל כל

KolSatmar.com

[אנשים] **גֵּרִים, און - דער אר״י הקדוש זאָגט** [אָבער אַז] **דאָס מיינט מען** [הוצאת והעלאת] **נִיצוֹצִין הַקְדוֹשִׁים** [שנשבו בכל העולם], **- דער אור החיים הקדוש ברענגט דאָך עס אויך עטליכע מאָל**[כ], **-** [ניצוצין הק׳] **וואָס ס׳איז פאַרשפּרייט אין די וועלט,** [וואָס] **דאָס ווערט אויך אָנגערופן גֵּרִים, ס׳איז נִיצוֹצִין, און נְשָׁמוֹת**[כא].

[ועל זה נאמר] **דִּמְעַת ׳הָעֲשֻׁקִים׳ וְאֵין לָהֶם מְנַחֵם** (קהלת ד, א), **זאָגן זיי**[כב] [אַז] **דאָס מיינט מען די נִיצוֹצִין הַקְדוֹשִׁים** [שהם בוכים] **אַז מ׳איז דאָס נישט מוֹצִיא, וואָס זיי זענען דאָרטן באַרויבט.** (המשך ההקדמה לעיקר הדרוש בפרשתן, להלן באות צ)

פג

**ביאור המדרש בפרשת ראה - ממה שאמרתי בס״ג ראה**

**מיט דעם האָב איך געטייטשט דאָ אין פרשת ראה**[ג] **טאַקע, דעם מדרש** [הנזכר לעיל, שעל הפסוק] **כִּי יַרְחִיב ה׳ אֱלֹקֶיךָ** [אֶת גְּבֻלְךָ] **וְאָמַרְתָּ אֹכְלָה בָשָׂר וגו׳, זה שאמר הכתוב עֹשֶׂה מִשְׁפָּט לָעֲשׁוּקִים נֹתֵן לֶחֶם לָרְעֵבִים ה׳ מַתִּיר אֲסוּרִים.**

פד

**האָב איך געפרעגט די קַשְׁיָא** [על מאמר הפסוק שם בפרשת ראה כִּי תְאַוֶּה נַפְשְׁךָ לֶאֱכֹל בָּשָׂר וגו׳, דלכאורה] **וואָס עפּעס?** [וכי] **די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה האָט אונז געלערנט זיין אַ בַּעַל תַּאֲוָה?**

[ובכלל] **פאַרוואָס זאָגט ער אַ טַעַם. זאָל ער זאָגן** [רק] **וְאָמַרְתָּ אֹכְלָה בָשָׂר** [וְזָבַחְתָּ וְאָכַלְתָּ וגו׳. ולמה נתן טעם] **׳כִּי׳ תְאַוֶּה נַפְשְׁךָ, ווייל מ׳וועט גלוסטן.**

[וגם הוסיף ואמר עוד] **בְּכָל אַוַּת נַפְשְׁךָ** [תֹּאכַל בָּשָׂר].

פה

**נאָר** [ביארתי בזה, דהנה] **דער בעל שם טוב הקדוש טייטשט**[כג] [בהפסוק] **רְעֵבִים גַּם צְמֵאִים נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף** (תהלים קז, ה), [דהכתוב מבאר] **פאַרוואָס האָט דער בורא כל**

---

העולמות. וכשחטא, נפלו ממנו כל הנשמות ההם לתוך הקליפות, הנחלקות לשבעים אומות, וצריכים ישראל לגלות שם בכל אומה ואומה, ללקט שושני הנשמות הקדושות, שנתפזרו תוך הקוצים ההם. וכמו שאמרו חז״ל למה גלו ישראל בין האומות, כדי שיתוספו עליהם גרים וכו׳, והבן זה היטב. גם נתבאר שם ענין גלות מצרים, כי אז רוב הנשמות ההם, או כולם, שם היו מעורבות, בין הקליפות הנקראים מצרים. ואמנם ענין בחינת הנשמות ההם בפרטות, מי היו, נתבאר (בשער הכוונות) בדרוש פסח ויציאת מצרים ועיין שם וכו׳ [עיי״ש עוד באורך, ובשער המצות פרשת ראה].

[יט] כמבואר בגמרא פסחים (פז:): ואמר רבי אלעזר, **לא הגלה הקב״ה את ישראל לבין האומות, אלא כדי שיתוספו עליהם גרים**, שנאמר (הושע ב, כה) וּזְרַעְתִּיהָ לִּי בָּאָרֶץ, כלום אדם זורע סאה אלא להכניס כמה כורין. ורבי יוחנן אמר מהכא, וְרִחַמְתִּי אֶת לֹא רֻחָמָה (שם) [פירש״י: וגו׳ וְאָמַרְתִּי לְלֹא עַמִּי עַמִּי אַתָּה, אותם שלא היו מעמי ידבקו בהם, ויהיו לי לעם].

[כ] **באור החיים הק׳** כאן (המובא לעיל), ובסוף פרשת תולדות, ובפרשת ויחי (מט, ט), ובסוף פרשת קדושים, ועוד.

[כא] ועיין בענין זה באורך **בויואל משה** (ב, קי).

[כב] כמובא **בישמח משה** (סוף ואתחנן ד״ה בהפטרה, ובפ׳ תולדות עה״פ ויאהב יצחק), ומקורו **בפרי עץ חיים** (שער קר״ש שעל המטה) ועוד ספרי מקובלים.

[כג] **בפירוש הבעש״ט** על מזמור הודו (תהלים קז) שאומרים במנחה דערב שבת [וכמנהג שייסד הבעש״ט], הנדפס בסידור כתר נהורא, ובספר בעל שם טוב על התורה (פרשת יתרו, אות כו), וז״ל: רְעֵבִים גַּם צְמֵאִים נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף. פירש בכאן סוד גדול ונורא, והוא למה ברא הקב״ה עניני מאכל ומשתה, שאדם תאב להם לאכול ולשתות. והטעם שהם ממש ניצוצי אדם הראשון [שנפלו לקליפות], שהם מתלבשים בדומם ובצומח ובחי

KolSatmar.com

עולמים באַשאַפן אַז מ'זאָל זיין הונגעריג און דאָרשטעריג [און] מ'זאָל מוזן האָבן די מַאֲכָלִים, ווייל ס'ליגט אין דעם נְפָשׁוֹת.

[איבערדעם] זאָגט ער רְעֵבִים גַּם צְמֵאִים, פאַרוואָס, ווייל נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף, ס'ליגט אין דעם אַ חלק פון 'דיינע' נְפָשׁוֹת, וואָס ס'קער צו 'דיין' שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה.

אַזוי זאָגט, דער בעל שם טוב הקדוש טייטשט דאָך דאָס, אַזוי ברענגען זיי דאָך.

פו

דאָס איז דער פְּשַׁט קאָן זיין.

די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה האָט מַתִּיר געווען בְּשַׂר תַּאֲוָה, [ומבאר הכתוב] פאַרוואָס, [ולזה אמר] וְאָמַרְתָּ אֹכְלָה בָשָׂר, פאַרוואָס, וואָרן כִּי תְאַוֶּה 'נַפְשְׁךָ' לֶאֱכֹל בָּשָׂר, דאָרט ליגט אַ חֵלֶק פון 'דיין נֶפֶשׁ', [וואָס] דעס ברענגט די תאוה לֶאֱכוֹל בָּשָׂר.

[און אויף דעם] זאָגט ער [להזהיר כי רק] בְּכָל אַוַּת 'נַפְשְׁךָ' [תֹּאכַל בָּשָׂר], זאָלסטו זען ס'זאָל זיין [אכילתך באופן שמביא] מַשְׁלִים צו זיין [את התיקון, אז דו] זאָלסט עס מַעֲלֶה זיין. [והוא על ידי שתברך ותאכל בקדושה, ולשם שמים].

פז

אַזוי ווי ס'שטייט אין **ישמח משה**[כד] [לפרש אומרם ז"ל בגמרא][כה] **העופות מכירין בעיני צר עין**. פרעגט ער די קשיא, וויאַזוי דערקענען עפעס עופות, פונוואַנעט ווייסן עופות, [והלא אף בבני אדם] קיינער ווייסט נישט וואָס ס'טוט זיך, קיינער ווייסט נישט מַה שֶּׁבְּלֵב חֲבֵרוֹ און די עוֹפוֹת ווייסן?

זאָגט ער אויך אַזוי, ער מיינט [באומרו] **די עופות**, די [נשמות] וואָס זיי זענען מגולגלים דאָרטן, די וואָס זיי קוקן אַרויס אויף דעם, די האָבן אַ שְׁפִּיר.

אַזוי שטייט אין **ישמח משה**.

---

ובמדבר, ויש להם חשק לדבק בקדושה והן מעוררין מ"ן, בסוד אין טיפה יורדת מלמעלה שאין טפיים עולים כנגדה מלמטה (עי' זוהר פינחס רמז:), וכל אכילה ושתיה שאדם אוכל ושותה, הוא ממש חלק ניצוצות שלו שהוא צריך לתקן. ○ וזהו שאמר הכתוב רְעֵבִים גַּם צְמֵאִים, כשאדם רעב וצמא להם, למה זה, וזהו שאמר נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף, בסוד גלות, בלבושים זרים, וַתִּחְשְׁבֶהָ לְזוֹנָה כִּי כִסְּתָה פָּנֶיהָ (וישב לח, טו) ובאמת היא צָדְקָה (שם, כו), והבן. וכל הדברים שהם משמשים לאדם, הם ממש סוד הבנים שלו שהולכים בשביה, והבן.

ועיין עוד בסידורו של שבת (שורש ה, ג ט): כי ידוע שכל מאכל אשר יאכל לכל נפש אדם, הנה הכל נעשה בהשגחה פרטית מאת הבורא עולם ב"ה, שיזדמן זה המאכל דווקא לזה האדם, כי הוא השייך לשורש נשמתו, פירוש שהחיות הרוחניות שבאוכל הלז הוא, משורש הנשמה של אדם הזה. בדרך רְעֵבִים גַּם צְמֵאִים נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף שכתבו פירושו בשם האלקי הבעל שם טוב זלה"ה, כלומר שלאדם נדמה שהוא רעב ללחם זה וצמא למים, ועל כן מתאוה לאכול, והאמת הוא שנפשם בהם תתעטף, פירוש שנפש האדם הזה מעוטף ומשוקע באוכל הלז, ועל כן מִתְאַוֶּה לאוכלו, בכדי להשלים נפשו על ידי אכילה ושתיה זו. כמו שכתבתי לעיל בשם האר"י שהנשמה היא הנהנה מרוחניות המאכל כידוע. [ועיין ענין זה גם בספרו באר מים חיים (כי תשא, בחקותי), ובתפארת שלמה (נח, ויקרא, בחקותי, בהעלותך, ועוד), ובייטב לב (נח, אחרי, בהר, עקב) וקדושת יום טוב (נח, שלח)].

[כד] בישמח משה פרשת נח (עה"פ ומוראכם וחתכם) עיי"ש באורך גדול. וכבר העתקנו זה בהקונטרס לפרשת ראה תשכ"ז (קונטרס רמח ח"ג), ואין מן הצורך לכפול כל האריכות.

[כה] בגמרא סוטה (לח:): מנין שאפילו עופות מכירין בצרי העין [פירש"י: ואין אוכלים משלהם], שנאמר כִּי חִנָּם מְזֹרָה הָרָשֶׁת בְּעֵינֵי כָּל בַּעַל כָּנָף [לעיל מיניה משתעי בצרי עין, נֶאֶרְבָה לְדָם וגו', כָּל הוֹן יָקָר נִמְצָא וגו', כִּי חִנָּם מְזֹרָה הָרָשֶׁת. לשון יְזֹרֶה עַל נָוֵהוּ גָפְרִית (איוב יח, טו). כך דרכם של ציידים, לזרות חטים ושעורים ברשתם, כדי שיבואו העופות לאכול, ואלו צרי העין, חנם מאבדין מזונות שזורין ברשתם. בְּעֵינֵי כָּל בַּעַל כָּנָף, שאף הן מכירין בהן, ואין נהנין ממזונותיהן].

KolSatmar.com

פח

**איבערדעם זאָגט ער בְּכָל אַוַּת 'נַפְשְׁךָ' תֹּאכַל בָּשָׂר.**

פט

**דעס זאָגט דער מדרש אויף דעם, הדא הוא דכתיב עֹשֶׂה מִשְׁפָּט לָעֲשׁוּקִים, די נְפָשׁוֹת וואָס זענען דאָרטן 'באַרויבט', דורכדעם איז נֹתֵן לֶחֶם לָרְעֵבִים** [וכדברי הבעל שם טוב], **וּמֵהַאי טַעֲמָא איז ה' 'מַתִּיר אֲסוּרִים', מוז מען מַתִּיר זיין אפילו דעם וואָס ס'איז אָסור געווען** [במדבר], **כדי מ'זאָל קאָנען צוקומען צו די נְפָשׁוֹת.**

[ווייל] **בְּשַׂר תַּאֲוָה הָעט מען נישט גיוועט מַתִּיר געווען,** [נאָר] **מ'האָט** [עס] **פאַרדעם מַתִּיר געווען,** [וועגן דעם ענין פון] **'מַתִּיר אֲסוּרִים'** [כפשוטו, להוציא את הנפשות השבויות מבית מאסרם]. **דאָס איז הָא בְּהָא תַּלְיָא** [הב' פשטים שבמדרש שם, דהיינו] **כדי מ'זאָל 'אויפבינדן' די וואָס זענען דאָרטן,** [דהיינו] **די נְפָשׁוֹת וואָס זענען 'געבינדן', און אויף דעם האָט מען מַתִּיר געווען וואָס מ'העט גיוועט געדאַרפט צו אַסֶר'ן.**

**איבערדעם די צוויי טייטשן** [שבמדרש] **אין 'מַתִּיר אֲסוּרִים', איז הָא בְּהָא תַּלְיָא.**

**אַזוי האָב איך געזאָגט אין פרשת ראה געזאָגט.**

צ

המשך ההקדמה לישוב קושיא ו

בתניא מבאר לשון 'איסור והיתר', על הדבר המותר ושאינו מותר. די בדבר האסור, הרי קשור ונאסר שם הניצוץ הק' בשביה, כי אין אנו יכולים להעלותם ביד בשר ודם. משא"כ בדבר 'המותר', שיכולין להעלותו משם

[והנה הבאתי שם גם וואָס] **דער תניא זאָגט**[כו]**, פאַרוואָס ס'הייסט** [היתר ואיסור בלשון] **אָסור און מוּתָּר, ווייל אין אַ דָבָר אִיסוּר איז דער נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ געבינדן, מ'קאָן אים נישט אַרויסנעמען** [בידי אדם, אמנם] **ביי אַ דָבָר הֶיתֵּר איז עס אויפגעבינדן, מ'קען אים אַרויסנעמען.**

**אַזוי זאָגט דער תניא.**

---

[כו] **בליקוטי אמרים תניא** (פרק ז): **ונפשות בהמות וחיות ועופות ודגים טהורים ומותרים באכילה, וקיום וחיות כל הדומם וכל הצומח המותר באכילה, וכן קיום וחיות כל המעשה דבור ומחשבה בענייני עוה"ז שאין בהם צד איסור וכו', רק שאינן לשם שמים אלא רצון הגוף וחפצו ותאותו, ואפילו הוא צורך הגוף וקיומו וחיותו ממש אלא שכוונתו אינה לשם שמים כדי לעבוד את ה' בגופו, לא עדיפי מעשה דבור ומחשבות אלו מנפש החיונית הבהמית בעצמה, והכל כאשר לכל נשפע ונמשך ממדרגה השנית שבקליפות וסטרא אחרא, שהיא קליפה רביעית הנקראת קליפת נוגה וכו', והיא בחינה ממוצעת בין שלש קליפות הטמאות לגמרי ובין בחינת ומדרגת הקדושה, ולכן פעמים שהיא נכללת בשלש קליפות הטמאות, כמו שכתב בעץ חיים שער מ"ט ריש פרק ד' בשם הזוהר, ופעמים שהיא נכללת ועולה בבחינת ומדרגת הקדושה, דהיינו כשהטוב המעורב בה נתברר מהרע וגובר ועולה ונכלל בקדושה. ○ כגון דרך משל, האוכל בשרא שמינא דתורא ושותה יין מבושם להרחיב דעתו לה' ולתורתו וכו', או בשביל כדי לקיים מצות עונג שבת ויום טוב, אזי נתברר חיות הבשר והיין שהיה נשפע מקליפת נוגה, ועולה לה' כעולה וכקרבן וכו'. אך מי שהוא בזוללי בשר וסובאי יין למלאת תאות גופו ונפשו הבהמית וכו', הנה על ידי זה יורד חיות הבשר והיין שבקרבו ונכלל לפי שעה ברע גמור שבשלש קליפות הטמאות וגופו נעשה להן לבוש ומרכבה לפי שעה, עד אשר ישוב האדם ויחזור לעבודת ה' ולתורתו. כי לפי שהיה בשר היתר ויין כשר, לכך יכולים לחזור ולעלות עמו בשובו לעבודת ה', שזהו לשון 'היתר, ומותר', כלומר שאינו 'קשור ואסור' בידי החיצונים שלא יוכל לחזור ולעלות לַה' וכו'. ○ מה שאין כן במאכלות 'אסורות' וביאות אסורות שהן משלש קליפות הטמאות לגמרי, הם 'אסורים וקשורים' בידי החיצונים לעולם, ואין עולים משם עד כי יבא יומם ויבולע המות לנצח, כמו שנאמר (זכרי' יג, ב) וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ, או עד שיעשה תשובה גדולה כל כך שזדונות נעשו לו כזכיות ממש, שהיא תשובה מאהבה מעומקא דלבא באהבה רבה וחשיקה ונפש שוקקה לדבקה בו ית', וצמאה נפשו לה' כארץ עיפה וציה וכו'.** [ועיין עוד שם בזה באגרת הקודש (פרק כו)].

**איך האָב געזאָגט בּאַריכוּת דאָרטן** [בפרשת ראה]**, איך וועל נישט היצט איבער׳חזר׳ן נאָכאַמאָל.**

צא

**עוד הקדמה לישוב קושיא ו**

לכאורה למה הוצרכו להתיר יפת תואר, והלא אם יש בה נשמה קדושה, בלאו הכי תבא לבסוף על הקדושה, כי הניצוץ הק׳ ימשך אותה לבא ולהתגייר

**דאָס איז דאָס ענין דאָ** [אויך]**, לאָמיר זען.**

**קאָן זיין דאָ ביי דער יְפַת תֹּאַר** [דהתורה התירתו לצורך העלאת נשמה דקדושה]**, נאָר וואָס׳זשע דען** [אכתי יש להקשות דאם לא היתה התורה מתרת יפת תואר, נמצא] **דורך דעם העט** [בהכרח] **גיוועָן געוואָרן** [הוצאת הנפש דקדושה משם על ידי] **גֵּרוּת** [גמור, שתבא מעצמה להתגייר, כדרך שאר הגרים (וכדלעיל באות פא). ואם כן אכתי צריך טעם למה לן להתיר יפת תואר].

צב

אמנם ביאור הענין, כי מצינו בענין הגרות שצריכין להחמיר עליהם קודם הגיור ולנסות שלא יתגיירו, רק אם יבואו לפרוש יפרשו. ואמרו בגמרא הטעם משום דקשים גרים לישראל כספחת, וברמב״ם ביאר דהוא מטעם שעל פי רוב הם חוזרין לסורם, ונמצא שהם אדרבה מפסידין לישראל בזה

[אמנם בכל ענין הַגֵּרוּת] **לאָמיר זען.**

[דהלא ביי] **גֵּרוּת עַל פִּי הֲלָכָה זאָגט דאָך די גמרא**[כז] [אַז] **מ׳זאָל מאַכן שוועריגקייטן, מ׳זאָל זיי זאָגן חֲמוּרוֹת,** [און] **עוֹנְשִׁין. פאַרוואָס,** [ווייל דאי פריש יפרוש] **טאָמער**[כח] **וועט ער זיך פּוֹרֵשׁ זיין.**

**זאָגט מען** [בגמרא] **פאַרוואָס** [ניחא לן כי] **יִפְרֹשׁ, ווייל קָשִׁים גֵּרִים לַיִשְׂרָאֵל כְּסַפַּחַת.**
**און דער רמב״ם זאָגט**[כט] [בביאורו]**, ווייל על פי רוב** [הם] **חוֹזְרִים לְסוּרָם.**

---

[כז] **בגמרא יבמות** (דף מז)**: תנו רבנן, גר שבא להתגייר בזמן הזה, אומרים לו מה ראית שבאת להתגייר, אי אתה יודע שישראל בזמן הזה דוויים דחופים סחופים ומטורפין** [פירש״י: סחופין. שפלים וכפויין, כמו סחופי כסא, (שבת סו:), כפיית הכלי]**, ויסורין באין עליהם. אם אומר יודע אני, ואיני כדאי** [ואיני ראוי להשתתף בצרתן, ומי יתן ואזכה לכך]**, מקבלין אותו מיד. ומודיעין אותו מקצת מצות קלות, ומקצת מצות חמורות, ומודיעין אותו עון לקט שכחה ופאה ומעשר עני, ומודיעין אותו ענשן של מצות. אומרים לו הוי יודע שעד שלא באת לְמִדָּה זו, אכלת חלב אי אתה ענוש כרת, חללת שבת אי אתה ענוש סקילה, ועכשיו, אכלת חלב ענוש כרת, חללת שבת ענוש סקילה. וכשם שמודיעין אותו ענשן של מצות כך מודיעין אותו מתן שכרן, אומרים לו הוי יודע שהעולם הבא אינו עשוי אלא לצדיקים, וישראל בזמן הזה אינם יכולים לקבל לא רוב טובה** [לפי שיצר הרע מחזר אחריהן, כדאמרינן במסכת סוכה (נב.), ושמא תזוח דעתן עלייהו ויחטאו] **ולא רוב פורענות. ואין מרבין עליו** [דברים, לאיים עליו שיפרוש]**, ואין מדקדקין עליו. קיבל, מלין אותו מיד וכו׳. נתרפא, מטבילין אותו מיד, ושני תלמידי חכמים עומדים על גביו ומודיעין אותו מקצת מצות קלות ומקצת מצות חמורות** [דהשתא על ידי טבילה הוא נכנס לכלל גירות, הלכך בשעת טבילת מצוה צריך לקבל עליו עול מצות]**. טָבַל ועלה, הרי הוא כישראל לכל דבריו וכו׳. ○ אמר מר, גר שבא להתגייר אומרים לו מה ראית שבאת להתגייר, ומודיעים אותו מקצת מצות קלות ומקצת מצות חמורות. מאי טעמא, דאי פריש** [שלא יתגייר] **נפרוש** [ולא איכפת לן]**, דאמר רב חלבו, קשים גרים לישראל כספחת, דכתיב** (ישעי׳ יד, א) **וְנִלְוָה הַגֵּר עֲלֵיהֶם וְנִסְפְּחוּ עַל בֵּית יַעֲקֹב** [לשון ספחת, שאוחזין מעשיהם הראשונים ולומדים ישראל מהם, או סומכין עליהם באיסור והיתר (ועיי״ש בתוספות שפירשו באופן אחר)] **וכו׳. ○ ואין מרבים עליו ואין מדקדקים עליו. אמר רבי אלעזר מאי קראה, דכתיב** (רות א, יח) **וַתֵּרֶא כִּי מִתְאַמֶּצֶת הִיא לָלֶכֶת אִתָּהּ וַתֶּחְדַּל לְדַבֵּר אֵלֶיהָ. אמרה לה אסיר לן תחום שבת, בַּאֲשֶׁר תֵּלְכִי אֵלֵךְ. אסיר לן יִחוּד** [להתייחד עם אשת איש]**, בַּאֲשֶׁר תָּלִינִי אָלִין. מפקדינן שש מאות וי״ג מצות, עַמֵּךְ עַמִּי. אסיר לן עבודת כוכבים, וֵאלֹקַיִךְ אֱלֹקָי. ארבע מיתות נמסרו לבית דין, בַּאֲשֶׁר תָּמוּתִי אָמוּת וכו׳. מיד וַתֵּרֶא כִּי מִתְאַמֶּצֶת הִיא וגו׳** [וַתֶּחְדַּל לְדַבֵּר אֵלֶיהָ].

[כח] **פירוש: אפשר.**

[כט] **ברמב״ם** (איסורי ביאה יג, יח)**: ומפני זה אמרו חכמים קשים להם גרים לישראל כנגע צרעת, שרובן חוזרין בשביל דבר, ומטעין את ישראל, וקשה הדבר לפרוש מהם אחר שנתגיירו. צא ולמד מה אירע במדבר במעשה העגל ובקברות התאוה, וכן רוב הנסיונות, האספסוף היו בהן תחלה.**

צג

ועיקר הדבר שחוקרים ודורשים בהם, הוא לראות אם סיבת גירותם הוא לשם שמים ולקבלת עול המצות. כי באם הם באים עבור סיבות אחרות ופניות, אז מדינא אין לנו לקבל אותם, כי אין זה גירות על פי הלכה. ובאמת אף אחר החקירה אי אפשר לידע באדם אם באמת דעתו לשמים, אלא שכך צותה התורה לחקור כפי דיני התורה, ואז יש לנו לסמוך ולקבלם

און דער אֱמֶת, מ'פרעגט אויס [מקודם] צי ס'איז לְשֵׁם שָׁמַיִם, לְקַבָּלַת מִצְוֹת, אַז נישט טאָר מען נישט מְקַבֵּל זיין[ל].

[ווייל] אַז מ'מיינט נישט 'ערנסט', עַל פִּי הֲלָכָה איז עס נישט קיין גֵּרוּת[לא].

נאָר די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה האָט אָבער נישט מער געהייסן [חושש זיין, נאָר אז דו] זאָלסט פרעגן, זאָלסט חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ זיין ווילאַנג ס'איז מַגִּיעַ [יָדְךָ, אבער מער נישט, ווייל] מ'האָט עס נישט געוואָלט [אינגאנצן] מוֹנֵעַ זיין - כאָטש ס'איז כְּסַפַּחַת און רוב זענען חוֹזְרִים לְסוּרָם, - ווייל ס'איז דאָ גרויסע נְשָׁמוֹת וואָס מ'דאַרף מַעֲלֶה זיין.

האָט עס די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, האָט מען עס מַתִּיר געווען, האָט מען געשטעלט [אויף די חזקה שאם השיבו כהוגן דעתם לשמים], ווייל דאָס איז אַ הֶכְרֵחַ [דאם לא כן לא היה אפשר לנו לקבל שום גר].

אָבער אַף עַל פִּי כֵן [אכתי קיימא החשש] טאָמער איז עס טאַקע נישט קיין ערנסטקייט, טאָמער האָט מען דאָס נישט אינזין.

צד

[און] מ'קאָן דאָך קיינמאָל נישט וויסן [קיין דבר ברור, להבין באיש אם דעתו באמת לשמים].

אַזוי ווי דער **רמב"ם** זאָגט[לב] אפילו ביי אַ נביא. אַז איך זעה ער פירט זיך [באופן] אַז ער איז רָאוּי לִנְבוּאָה, [אמרה תורה דמצוה לשמוע לו. און] אַף עַל פִּי כֵן קיין זיכערע זאַך קאָן מען קיינמאָל נישט וויסן.

נאָר וואָס דען, אַזוי ווי די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה האָט געהייסן זיך פאַרלאָזן [בכמה איסורים] אויף אַ חֲזָקָה און אויף אַ רוֹב, דאַרף מען זיך אויף דעם פאַרלאָזן, אַז איך זעה ער איז רָאוּי דערצו, און ער האָט געגעבן אַן אוֹת וּמוֹפֵת.

אַזוי זאָגט דאָך דער **רמב"ם**.

---

[ל] עיין באורך **ברמב"ם** (שם, פרק יז), **ובשלחן ערוך** (יו"ד רסח, סעיף ב וסעיף יב). והובאו בתוך לשון רבינו בתשובה, המובא להלן בסמוך.

[לא] ועיין בזה להלן בהערה מה.

[לב] **ברמב"ם** (יסודי התורה ז, ז): **ולא כל העושה אות ומופת מאמינים לו שהוא נביא, אלא אדם שֶׁהָיִינוּ יודעים בו מתחלתו שהוא ראוי לנבואה בחכמתו ובמעשיו, שנתעלה בהן על כל בני גילו, והיה מהלך בדרכי הנבואה בקדושתה ובפרישותה, ואחר כך בא ועשה אות ומופת ואמר שֶׁהֶקֵל שְׁלָחוֹ, מצוה לשמוע ממנו, שנאמר** (דברים יח, טו) **אֵלָיו תִּשְׁמָעוּן. ○ ואפשר שיעשה אות ומופת ואינו נביא, וזה האות יש לו 'דְּבָרִים בְּגַו', ואעפ"כ מצוה לשמוע לו, הואיל ואדם גדול וחכם וראוי לנבואה הוא מעמידים אותו על חזקתו, שבכך נצטוינו, כמו שנצטוינו לחתוך את הדין על פי שני עדים כשרים, ואע"פ שאפשר שהעידו בשקר, הואיל וכשרים הם אצלינו מעמידין אותן על כשרותן. ובדברים האלו וכיוצא בהן נאמר** (נצבים כט, כח) **הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ, ונאמר** (שמואל א' טז, ז) **כִּי הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַה' יִרְאֶה לַלֵּבָב.**

ולהלן שם ברמב"ם (ח, ב): **נמצאת אומר שכל נביא שיעמוד אחר משה רבינו, אין אנו מאמינים בו מפני האות לבדו, כדי שנאמר אם יעשה אות נשמע לו לכל מה שיאמר, אלא מפני המצוה שצוה משה בתורה ואמר אם נתן אות אליו תשמעון, כמו שצונו לחתוך הדבר על פי שנים עדים, ואע"פ שאין אנו יודעין אם העידו אמת אם שקר, כך מצוה לשמוע מזה הנביא, אע"פ שאין אנו יודעים אם האות אמת, או בכישוף ולט.** [ועיין רבינו בענין זה **בויואל משה** (א, מו), **ובעל הגאולה ועה"ת** (סימן לא-לב), **ובס"ג שמות תשכ"ז** (לשון קדשו רסה ח"ב), ועוד].

KolSatmar.com

דאָס איז אַלעס נאָר חֲזָקָה, דאָס איז נישט קיין דָבָר בָרוּר.

צה

והנה בבכור שור חקר באם העידו עדים על חתיכה שהוא אסור, ואחד יודע בעצמו העובדא האמיתית דלפי זה מותר, אם מותר הוא עצמו לאכול בצנעא. ומסיים דמעיקר הלכה מותר בצנעא, אלא שיש להחמיר בזה מטעם שאמרו דכל דבר הנאסר משום מראית העין, אפילו בחדרי חדרים אסור.

לאָמיר זען.

דער **בכור שור** זאָגט דאָך[לג], דער **בכור שור** קלערט דאָך אַריין [באופן] אַז ס׳איז דאָ צווײ עֵדוּת וואָס זיי זאָגן אויף אַ חֲתִיכָה אַז ס׳איז אָסוּר, איז עַל פִּי הֲלָכָה אָסוּר. [און וואָס איז אויב] איינער ווייסט אָבער פונקטליך [די מעשה, און] ער ווייסט זיכער [אַז ס׳איז מוּתָּר [כי העובדא היה שלא כדברי העדים], און ס׳איז דאָך עַל פִּי הַדִין אָסוּר [לשאר אנשים, והשאלה] צי מעג ער עס עסן.

צו

קלערט ער אַריין [קודם, אַז] בְּצִנְעָה אפשר [דמותר].

צז

נאָכדעם וויל ער זאָגן, אַז וועגן מַרְאִית הָעַיִן [הרי זה אסור אף בחדרי חדרים], - ס׳איז דאָ אויף דעם אין די אחרונים אַ גאַנצע פְּלוּגְתָּא[לד], - [שהרי אמרו חכז״ל][לה] כָּל מָקוֹם

---

[לג] **בבכור שור** (לבעל תבואות שור, על יבמות דף פז:): אמרו שנים [אכלת חלב והוא אומר לא אכלתי פטור, ר׳ מאיר מחייב] וכו׳. קמיבעי ליה [נדצ״ל ׳לי׳], **שנים שאמרו על דבר אחד שאסור הוא, ויש אחד שיודע בבירור שהוא מותר ושקר העידו, מהו שיאכל מאותו דבר בצינעא בל יְוָדַע לאיש. אף על גב דבפרהסיא ודאי אסור הוא, ולאו כל כמיניה, ובית דין מצווים עליו להפרישו, מכל מקום בצינעא יש לומר דמותר. ויש לומר דאסור, כמ״ש לקמן.** ○ והנה דעת **הראב״ד** פרק י״א מהל׳ שגגות (הלכה ח) **נראה להתיר**, דפסק כרבי יהודה דנאמן אדם אעצמו יותר ממאה איש, ומוקמינן לה **בכריתות** (יב:) דלא אמרה ר׳ יהודה אלא בינו לבין עצמו. אבל **הרמב״ם** פסק כרבנן דרבי יהודה בכריתות, דהעדים נאמנין, ומוקמינן לה התם בגמרא דקאי אבינו לבין עצמו, כמו שכתבתי. וצריך לומר דאין טעמו משום דמסתמא טעה נגד העדים ואין לו להאמין לעצמו, דהא כתב **הרמב״ם** פרק ח׳ מיסודי התורה (הלכה ג) וז״ל, **הא למה זה דומה, לעדים שהעידו לאדם על דבר שראה בעיניו שאינו כמו שראה, שאינו שומע להם, אלא יודע בודאי שהן עדי שקר**, עכ״ל. **והכי מסתבר, שאדם שיודע דבר ברור לא ישוב מפני כל.** אלא נראה לי טעמו [דהרמב״ם], **כיון דאנן אסרי עליו בפרהסיא, אסור אפילו בצינעא, על דרך שאמרו חז״ל כל מה שאסרו חכמים מפני מראית העין, אפילו בחדרי חדרים אסור. ולכן נלענ״ד שאין להתיר כי אם לצורך גדול.** ○ **ומינה נראה לי נמי בדין האומר דבר זה אסור הוא, ועדים הכחישוהו, דקיימא לן דשוויה אנפשיה חתיכא דאיסורא**, כמו שכתב ביורה דעה סימן א׳ וקכ״ז, **לא יאכל אפילו בינו לבין עצמו, אע״פ שיודע שהאמת עם העדים רק שעשה ע״י איזה אמתלא גרועה שלא האמינו לו להתירה עליו, ונשאר הוא באיסורא, לא יאכל אפילו בינו לבין עצמו,** כי אם לאיזה צורך גדול.

[לד] דלדעת **הראב״ד** המצויין בבכור שור שם, הרי זה מותר. דהא מבאר דגם להרמב״ם אינו אסור אלא משום הך כללא דאף בחדרי חדרים אסור, ועם כל זה הרי הראב״ד נחלק על הרמב״ם שם. גם **בשו״ת חות יאיר** (בדפו״ח סימן טו בהג״ה, ובדפו״י בהשמטות דף כא), והובא **בפתחי תשובה** (יו״ד ב, ה), נראה דלא ס״ל כהבכור שור בזה. - אמנם לא מבואר שם טעמם בזה, ואולי משום דס״ל דלא שייך הכא הך כללא דבחדרי חדרים, דאין זה איסור ׳שאסרו חכמים׳ משום מראית העין, דהוא דבר התלוי במעשה שהיה ולא באיסור וגזירה שגזרו חכמים. ועיין כעין חילוק זה **בחוות דעת** (יו״ד קפה, ביאורים ב, בביאור שיטת הט״ז שם).

[ואגב יש לציין, דיש פלוגתא בהך כללא דאף בחדרי חדרים אסור, אם נוהג גם בדבר שעיקר איסורו רק מדרבנן, עיין **ברמ״א** (יו״ד פז, ג) **וש״ך** (שם). ועיין **במגן אברהם ומחצית השקל** (או״ח שא, נו) שהביאו סוגיות חלוקות בזה בגמרא, ועיין **בשו״ת נודע ביהודה** (תנינא, או״ח סו״ס ל), ועיין עוד **בקרבן העדה** (על ירושלמי סוף פ״ח דסנהדרין). ולפי זה כתב **בפתחי תשובה** (יו״ד קכז, ז) על דברי **הבכור שור** הנזכר, דלפי דברי הפוסקים המקילים לא שייך זה רק בדבר שעיקר איסורו מדאורייתא].

[לה] **בגמרא שבת** (סד: קמו:), ועוד.

KolSatmar.com

**שֶׁאָסְרוּ** [חכמים משום מראית העין, דאפילו] **דאָרט וואו ס'איז נאָר אָסוּר מִשּׁוּם מַרְאִית עַיִן,** [איז] **אֲפִילּוּ בְּחַדְרֵי חֲדָרִים אָסוּר**[לו]**.**

צח

[אמנם] **אַלץ איז עס נאָר אָסוּר נאָר וועגן מַרְאִית עַיִן,** [אבל מעיקרא דדינא] **עַל פִּי הֲלָכָה** [הרי זה מותר בעצם]**, אַז דער אֱמֶת איז אַז ס'איז ליגנט, אפילו ס'איז דאָ צוויי עֵדִים און די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט זיך געהייסן פאַרלאָזן דערויף,** [זאג איך ווייטער אַז] **אַזוי איז דער אֱמֶת, נאָר עַל פִּי הֲלָכָה קען מען נישט זאָגן** [להתיר למעשה]**. אַזוי זאָגן זיי דאָך** [האחרונים][לז]**, פאַרלאָזט מען זיך** [מעיקר הדין על מה שיודע הוא את המעשה לפי האמת]**.**

[עד כאן תוכן דברי הבכור שור]**.**

צט

ומינה נשמע לאידך גיסא, דאם העידו על חתיכה דהוא מותר, והתירוהו בית דין לאכול.

מ"מ מי שידוע בעצמו שהעידו שקר, ובאמת אסור, הוא עצמו אסור לו לאוכלו אף מדינא

[ומינה נשמע נמי, כי] **דאָ אָבער** [בנוגע כשהוא] **'פאַרקערט' קומט דאָך אויס,** [באופן] **אַז ס'איז דאָ צוויי עֵדִים כְּשֵׁרִים וואָס זאָגן ס'איז מוּתָּר, איז עס עַל פִּי הֲלָכָה אַוודאי מוּתָּר. אָבער אַז מ'ווייסט** [איינער אויף] **זיכער** [אַז] **ס'איז אָסוּר, איז דאָך אַ פְּשִׁיטוּת** [שהוא עצמו אסור מדינא לאוכלו]**, דעס דאַרף מען טאַקע נישט עסן.**

ק

**זעט מען דאָך** [אַז] **אויף דעם** [מענטש] **וואָס ער ווייסט** [מציאות הענין לאיסור]**, בלייבט דער אִיסוּר דערויף.**

קא

ועתה לפי מה שכתב הרמב"ם דעל פי רוב הם חוזרים לסורם, ואז נמצא למפרע דמן הסתם

לא היתה דעתם לשם שמים מתחילה, ונמצא דהוברר הדבר שלא היו גרים כדין למפרע

[יעצט] **לאָמיר'זשע זען.**

**לעולם ווי דער רמב"ם זאָגט** [אַז] **עַל פִּי רוב** [הם] **חוֹזְרִים לְסוּרָם,** [איז דאָס ווייל] **נאָך מעיקרא אָן מיינט ער נישט ערנסט. נאָר מ'פאַרלאָזט עס אויף די חֲזָקָה, און מ'טוט** [אַז] **מ'מאַכט שוועריקייטן, און מ'טוט כְּדִין, האָט די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה געזאָגט מ'זאָל זיך פאַרלאָזן אויף דעם** [ולקבל אותם]**.**

**אָבער קַמֵּי שְׁמַיָּא גַלְיָא, טאָמער איז עס טאַקע נישט קיין אֱמֶת, און מ'האָט עס נישט אינזין און מ'וויל דאָס נישט,** [נאָר] **מ'האָט אַנדערע סִיבּוֹת,** [הרי אף שעל פי הלכה דינם אצלינו כגרים, אבל במציאות כלפי שמיא גליא שאינם גרים, ואם כן אינם מתתקנים ומתעלים נפשותיהם (וכסיום הענין דלהלן באות קד)]**.**

קב

**ס'שטייט דאָך טאַקע**[לח] [אַז] **אֵין מְקַבְּלִים גֵּרִים לֶעָתִיד לָבוֹא, וואָרן** [דלא מגיירי אלא]

---

[לו] ועיין בענין זה בדברי רבינו **בחידושי סוגיות** (סוגיא דעד אחד נאמן באיסורין, אות כ).

[לז] יש לציין עוד על מי כוונת רבינו בזה. וע"ע היטב בשו"ת דברי יואל (קיז, א), אבל לכאורה לא נוגע לכאן.

[לח] **בגמרא יבמות** (כד:): תנו רבנן אין מקבלין גרים לימות המשיח, כיוצא בו לא קבלו גרים לא בימי דוד ולא בימי שלמה. אמר רבי אליעזר מאי קרא, **הֵן גּוֹר יָגוּר אֶפֶס מֵאוֹתִי** [פירש"י: הֵן גּוֹר הבא להתגייר, יָגוּר אֶפֶס מֵאוֹתִי, בעוד שאין אני עמכם יתגייר, דהיינו בזמן הזה] **מִי גָר אִתָּךְ** [בעניותך, כאשר אמרתי] **עָלַיִךְ יִפּוֹל** [לעולם הבא. יִפּוֹל, ינוח,

KolSatmar.com

לְשֻׁלְחָן מְלָכִים. און בִּימֵי דָּוִד וּשְׁלֹמֹה [גם כן לא קיבלו גרים], ווייל ס'איז געווען [גודל הטובה והגדולה שהיה לישראל].

ווייל מ'האָט חוֹשֵׁשׁ געווען [מער, שהם באים אָז להתגייר רק] פְאַר פְּנִיּוֹת, אַז מ'מיינט נישט ערנסט, [ולכן] האָט מען טאַקע נישט מְקַבֵּל געווען.

קג

ואם כן אף שלענין מעשה אנו סומכין על החקירה, ואצלינו הם נחשבים כגרים. מ"מ קמי שמיא גליא גם מתחילה בכה"ג שאין גרותם מן הדין, ועל כן בכה"ג קשה מאוד שיתעלה ויוברר הניצוץ קדוש שבהם, וכדרך שקשה להעלות 'באיסור', מכיון שאין זה גיור אמיתי

נאָר וואָס'זשע דען אָבער אין 'די' זְמַנִּים וואָס ס'איז נישטאָ די סְבָרוֹת, [אַז] מ'זאָל חוֹשֵׁשׁ זיין [כבימי דוד ושלמה, או כמו לעתיד], האָט די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה געזאָגט [אַז] מ'זאָל זיך פאַרלאָזן [על החקירה ודרישה].

אָבער פאַר זיכער ווייסט מען דאָך נישט, קיינמאָל נישט.

קד

על כל פנים איז דאָך זיכער דאָ אַסאַך אַזעלעכע וואָס ס'טויג נישט, נאָר עַל פִּי הֲלָכָה [צריכין לקבלם].

אָבער קַמֵּי שְׁמַיָּא גַּלְיָא דער אִיסוּר, [און] דער ס"מ דער שָׂטָן ווייסט [דאָס, וממילא] איז 'דאָרט' זייער שווער אַרויסצונעמען דעם נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ, אַז דאָס איז 'בְּעֶצֶם' איז דאָס אַ דָּבָר אִיסוּר.

כאָטשיג עַל פִּי הֲלָכָה איז עס מוּתָּר [למעשה], אָבער בְּעֶצֶם איז עס אַ דָּבָר אִיסוּר, [ורק] עַל פִּי הֲלָכָה מוז מען זיך פאַרלאָזן דערויף [למעשה].

ממילא איז שווער אַרויסצונעמען דעם נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ.

קה

**ישוב קושיא ו**

לפי פשוטו מה שאמרו שאם לא ישאנה 'בהיתר' ישאנה 'באיסור', האיסור שהתירה התורה בזה, נחלקו בה רש"י ור"ת. דלרש"י הוא פשוט, דהתירה אותה מתחילה אף קודם שנתגיירה, רק שמצווה אח"כ לגיירה. ולר"ת לא הותרה כלל קודם הגיור, אבל הרבותא הוא דמותרת אף שלא נתגיירה ברצונה רק בעל כרחה

דאָס קאָן זיין איז דער פְּשַׁט [במאמרם שאם לא ישאנה 'בהיתר' ישאנה 'באיסור'].

[ובפשטות כוונת 'ההיתר' שהתירה התורה אצל יפת תואר, הנה] דאָ איז דאָך אַ פלוגתא אין די גמרא קידושין דף כ"א[לט], ביי אַ יְפַת תּוֹאַר, צי [רק] הערשט שפעטער נאָכ'ן גֵּרוּת מעג מען, [ולא מקודם].

---

כמו עַל פְּנֵי כָל אֶחָיו נָפָל (חיי כה, יח), יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף (תהלים צא, ז)], אבל אידך לא.

ובגמרא עבודה זרה (ג:): דתניא רבי יוסי אומר, לעתיד לבא בָּאִין עכו"ם ומתגיירים. ומי מקבלינן מנייהו, והתניא, אין מקבלין גרים לימות המשיח, כיוצא בו לא קבלו גרים לא בימי דוד ולא בימי שלמה. אלא שנעשו **גרים** גרורים [פירש"י: מאיליהן מתגיירין, ואנן לא מקבלינן, דמשום גדולתן דישראל קא עבדי, דכתיב מִי גָר אִתָּךְ, בעניותיך, עָלַיִךְ יִפּוֹל, בעשירותיך], ומניחין תפילין בראשיהן תפילין בזרועותיהם ציצית בבגדיהם מזוזה בפתחיהן וכו'.

[לט] עיין שם **בגמרא קידושין** (כא:) פלוגתת רב ושמואל, לענין כהן ביפת תואר. ולהלן **בגמרא שם** (כב.) הביאו עוד ברייתא דדרשו מהפסוק והבאתה אל תוך ביתך, שלא ילחצנה במלחמה, ובתוספות (כב. ד"ה שלא) הביאו פלוגתת רש"י ורבינו תם בפירושו, דרש"י מפרש לה לענין שאסור לבא בשעת מלחמה, ואפילו ביאה ראשונה. אבל רבינו תם סובר דביאה ראשונה מותר, דהא לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, ורק מביאה שניה ואילך אסור עד לאחר ישיבת ל' יום בביתו. וכן נזכר פלוגתת רש"י ור"ת **בתוספות סנהדרין** (כא. ד"ה דאי).

ס׳איז אַ פְּלוּגְתָּא [דארט פון] **רש״י מיטן רבינו תם.** [דרש״י סובר דאף ביאה ראשונה לא הותר בשעת מלחמה, אלא לאחר כל המעשים וישיבה בביתו ל׳ יום. ורבינו תם סובר דרק ביאה שניה אסורה במלחמה].

און **תוספות** ברענגט דערנאָך[מ] אַז ס׳איז גאָר אַ פְּלוּגְתַּת אֲמוֹרָאִים [בגמרא ירושלמי], **צי ביאה ראשונה איז מוּתָּר תיכף אין די מִלְחָמָה, ׳פאַרן׳ גֵּרוּת, צי** [רק] **׳דערנאָך׳.**

[וכתבו דאף לדעת רש״י שלא הותר אלא לאחר שנתגיירה, לא קשה דאם כן פשיטא הוא ומה חידוש בענין יפת תואר, ולמה דימו זה בגמרא למשל של בשר ׳תמותות׳ שחוטות. על זה כתבו דיש מתרצים כי] **פונדעסטוועגן איז עס דאָך אַ רְבוּתָא** [ההיתר של יפת תואר], **ווייל דעס גֵּרוּת איז ׳בַּעַל כָּרְחָהּ׳, ס׳איז עַל פִּי הֲלָכָה** [לא מועיל בגר אחר], **קיין רעכט גֵרות איז עס נישט, ווייל ס׳איז דאָך בַּעַל כָּרְחָהּ, נאָר דאָ** [אצל שבויה במלחמה] **האָט עס די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מַתִּיר געווען** [לגיירה בעל כרחה], **איז ׳דאָך׳ עס אַן אויסנאַם.**

קו

אמנם על כל פנים אם לא היתה התורה מתרת אותה, אף שאחר כך היתה באלו הכי באה להתגייר מעצמה, מחמת הניצוץ קדוש שהיתה ממשיכה לזה. מ״מ כיון שבענין הגיור מעצמה, מצוי החשש שמא תבוא באופן שאין כוונתה לשם שמים, דבכה״ג מעיקר הדין אין הגיור כהלכה, נמצא שאם תהיה באופן גיור יש לחוש שאכתי תהיה ׳באיסור׳, ואיסור אי אפשר לנו להעלות מבין הקליפות כדברי התניא, ולכן עשתה התורה מזה ׳היתר׳ דיפת תואר, בכדי שיהיה לנו בנקל להעלותה משם

**היצט איז אַזוי.**

**ווען די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה איז עס נישט מַתִּיר,** [און] **דאָס ברויך דאָך אַמאָל אַזוי צו זיין** [שיחזירו נפשות אלו אל הקדושה, ווייל] **דער נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ איז דאָך חוֹשֵׁק וּמִתְאַוֶּה** [לכך שיתעלה וישוב להקדושה, און] **׳ער׳ העט זיי גיוועזן געצוימען דערויף** [שיבואו לכלל הקדושה, ונמצא] **העטן זיי דאָך גיווען געקומען פָּשׁוּט** [זיך] **מְגַיֵּיר זיין.**

**און אַז מ׳קומט זיך פָּשׁוּט מְגַיֵּיר זיין, קען זיין אַסאַך מאָל וואָס** [אין] **דער אֱמֶת׳ן אַריין קַמֵּי שְׁמַיָּא גַלְיָא אַז ס׳איז אַן ׳אִיסוּר׳,** [דהיינו] **דעס גֵּרוּת איז נישט קיין גֵּרוּת,** [ווייל] **ס׳איז נישט לְשֵׁם שָׁמַיִם.**

[ואף כי] **עַל פִּי הֲלָכָה איז עס טאַקע מוּתָּר, אָבער אַף עַל פִּי כֵן, דער נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ איז** [ווייטער] **געבינדן, אַז ס׳איז הִתְגַּבְּרוּת הַיֵּצֶר** [שלא יוכלו להוציאו, און] **מ׳טוט נישט אויף דעס וואָס מ׳ברויך** [אויפטון, או על כל פנים] **ס׳איז ׳שווער׳ מ׳זאָל אויפטון וואָס מ׳ברויך.**

[אמנם עתה] **אַז די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט עס אָבער מַתִּיר געווען** [כשמוצאה במלחמה] **בְּכָל אוֹפֶן וְאוֹפֶן, אפילו אַז דעס גֵּרוּת איז נישט לְשֵׁם שָׁמַיִם, אָדער לויט די שִׁיטוֹת וואָס זיי זאָגן אַז ס׳איז גאָר מוּתָּר** [אפילו] **פאַרן גֵּרוּת,** [נמצא] **איז דאָך עס שוין אַמאָל אַ הֶיתֵּר,** [וממילא] **איז שוין ׳גרינגער׳ אַרויסצונעמען דעם נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ דערפון.**

---

[מ] **בתוספות קידושין** (שם): **ויש מיישבים פירוש הקונטרס ולא קשה מידי וכו׳, ומה שהקשה** [ר״ת] **אמאי קרי לה בשר תמותות, כיון שנתגיירה, הא נמי לא קשה דאיכא למימר לפי שמגיירה בעל כרחה ואינה גיורת גמורה קרי לה בשר תמותות וכו׳. אך אין לתרץ שפיר לפירוש הקונטרס מה חילוק בין ביאה ראשונה לשניה, דמחלק גמרא לעיל** (כא: לענין כהן). ○ **ומיהו אומר ר״י, דבירושלמי** (מכות פ״ב, ה״ו) **מצינו מחלוקת אמוראים בדבר זה, והכי איתא התם, רב אמר לא התיר אלא ביאה ראשונה, ואני אומר לא ביאה שניה ולא ראשונה הותרה, אלא לאחר כל המעשים, כדכתיב וְאַחַר כֵּן תָּבוֹא אֵלֶיהָ וּבְעַלְתָּהּ.** [ודברי הירושלמי הובא גם בתוספות סנהדרין (שם)].

KolSatmar.com

קז

וזה ביאור אומרם לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד 'יֵצֶר הָרָע', שהוא שטן הוא הס"מ הוא היצר הרע, והיינו דבאם היתה מנחת הענין על סמך שתבא להתגייר, יש לחוש שתהיה באופן שכלפי שמיא גליא שאכתי היא בגדר 'איסור', ויתגבר הס"מ שהוא היצר הרע שלא יוכלו להעלותה. וזהו ג"כ מה שאמרו שֶׁאִם לֹא יְשָׂאֶנָּה 'בְּהֶיתֵּר' באופן שאפשר לנו להעלותה, לבסוף לאחר שתבא להתגייר מעצמה יְשָׂאֶנָּה 'בְּאִיסוּר' , דשמא יהא באופן 'איסור' שלא יהא אפשר לו להעלותה

**דאָס איז דער פְּשַׁט.**

**איז דער פְּשַׁט אַמאָל**[מא] [בביאור ענין יפת תואר] **אַזוי ווי די חַכְמֵי אֱמֶת זאָגן. נאָר וואָס דען** [על זה אמרו בגמרא הלשון] **לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרָע** [שהוא השטן]**, אַז ס'זאָל נישט זיין אַזוי שווער** [להוציא הנפשות משם, עבור התגברות היצר נגד זה]**.**

**וואָרן לכאורה העט מען נישט געדאַרפט צו לאָזן** [להתיר יפת תואר, שהרי] **ס'איז דאָ דערפאַר כַּמָּה עֵצוֹת** [האיך להוציא הניצוצי קדושה, וכגון וואָס] **זיי העטן זיך גיוועט געקומען מְגַיֵּיר זיין,** [שהרי] **דער נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ העט זיך נישט גיוועט געלאָזט** [בלייבן דארט. און] **אַזוי ווי די אַלע גֵּרִים** [אחרים שנתגיירו] **שטייט דאָך**[מב] **איז 'דאָס' דער טַעַם** [על שבאו ורצו להתגייר]**, ווייל ס'ליגט** [אין זיי] **עפּעס אין פְּנִימִיוּת, אַ נִיצוֹץ** [דקדושה]**.**

**איבערדעם זאָגט ער אָבער ניין, לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה** [וכו', ווייל] **מ'האָט אָבער געוואָלט דאָס באַוואָרענען** [אַז] **מ'זאָל דאָ גיין אויף אַ 'זיכערער בריק',** [ולכן] **לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרָע. שֶׁאִם לֹא יְשָׂאֶנָּה 'בְּהֶיתֵּר', קאָן דאָך זיין אַז ס'וועט זיין יְשָׂאֶנָּה 'בְּאִיסוּר'** [והיינו באופן שהניצוץ ישאר מקושר ונאסר שם]**.**

**וואָרן ס'וועט זיין אַ גֵּרוּת, און עַל פִּי הֲלָכָה וועט מען עס ברויכן צו טון** [לגיירם]**, און** [יתכן שיהיה באופן וואָס] **קַמֵּי שְׁמַיָּא גַּלְיָא אַז מ'טאָר נישט,** [איז] **על כל פנים איז שווערער** [בכהאי גוונא לתקן ולהעלות]**, כאָטשיג מ'טוט נישט קיין אִיסוּר** [מצד ההלכה]**.**

קח

[והוא כענין] **אַזוי ווי** [ביי] **די חֲתִיכָה וואָס מ'זאָגט עֵדוּת** [שהוא מותר] **און דערנאָך ווערט מען געוואָר אַז ס'איז געוועזן עֵדוּת שֶׁקֶר, האָט מען נישט עוֹבֵר געוועזן גאָרנישט, איז מען געוועזן אַן אוֹנֵס גָּמוּר** [דהוא כמאן דלא עביד]**, מ'האָט קיין שׁוּם אִיסוּר נישט געטון**[מג]**.**

קט

**אָבער** [סוף סוף] **דער נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ איז געוועזן 'געבינדן'** [ולא נתעלה גם מתחילה]**, ווייל קַמֵּי שְׁמַיָּא גַּלְיָא אַז ס'איז 'אָסוּר'** [ולא היתה 'היתר' כלל, שיוכלו להעלותה. וכמו כן הוא בענין הגר שלא נתכוון לקבלת המצות]**[מד].**

---

[מא] פירוש, בכל אופן.

[מב] **בעשרה מאמרות להרמ"ע** (אם כל חי, ח"ג סימן ו ח). **ובספרים קדמונים רגיל להזכיר ענין זה בשמו בקצרה, בלשון 'גרים מינן הוו ואידחי', וכן נזכר לשון זה בדברי רבינו בכמה מקומות. ועיקר הענין כן נראה גם מתוך כתבי האר"י ז"ל בכ"מ. וכן מבואר בדברי האור החיים הק' ריש פרשתן המובא לעיל, וכן בדבריו בסוף פרשת תולדות** (כח, ה)**, ועוד.**

**וז"ל רבינו בויואל משה** (ב, קי)**: ולדעת חכמי האמת, מה שאמרו בגמרא כדי שיתוספו עליהם 'גרים', הכוונם גם על הנשמות הנטמעין, כמו שכתב האר"י ז"ל** (בשער המצות דלעיל, שהביאו רבינו לעיל שם) **שגם אלו נקראים גרים. ○ וגם נשמות הגרים המה מהנשמות שנדחו מישראל ונטמעין בהם, כנודע, והכל אחד הוא.**

[מג] כמבואר בדברי הפוסקים, ומהם **ברמ"א** (יו"ד קפה, ד)**, ובפתחי תשובה** (שם, יד) **בשם שו"ת נודע ביהודה** (תניינא, יו"ד סימן פה)**. וע"ע בשו"ת דברי חיים** (ח"ב, אה"ע סימן כז) **מה שהאריך בענין זה.**

[מד] ולא דמי לאיסור שנתבטל בהיתר, שנתהפך להיתר גמור, עד דשוב יכולין להעלות הניצוצים משם. או לשאר

KolSatmar.com

קי

[ועוד, שהרי באם] **ס׳ווערט** [דאָך] **נִתְגַלֶה אַמאָל שפּעטער,** [ווען] **זיי זענען חוֹזְרִים לְסוּרָן, ווערט נִתְגַלֶה** [אף לבני אדם שלא היו גרים כהלכה][מה].

קיא

דאָס איז דער פְּשַט קען זיין.

שֶׁאִם לֹא יִשָׂאֶנָּה ׳בְּהֶיתֵּר׳, ווערט זיין יִשָׂאֶנָּה ׳בְּאִיסוּר׳, קאָן אויסקומען ס׳זאָל זיין וואָס קַמֵי שְׁמַיָא גַלְיָא אַז ס׳איז געווען אַן אִיסוּר, איז שווער [להעלות הנפש דקדושה משם, דבכהאי גוונא] **האָט דער ׳יֵצֶר הָרָע׳** [שהוא] **דער ס״מ אַ גרעסערן כֹּחַ מוֹנֵעַ צו זיין** [העלאתה ותיקונה].

איבערדעם האָט עס די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה געמאַכט פאַר אַ ׳הֶיתֵּר׳ גָמוּר, ממילא איז עס אויפגעבינדן, און דער כֹּחַ פון די סטרא אחרא איז נישט אַזוי שטאַרק דערויף, ווייל ס׳איז בְּהֶיתֵּר.

דאָס קאָן מען אפשר זאָגן פְּשַט אין דעם שֶׁאִם לֹא יִשָׂאֶנָּה ׳בְּהֶיתֵּר׳ יִשָׂאֶנָּה ׳בְּאִיסוּר׳.

קסג

## המשך ישוב הקושיות בפרשת יְפַת תּוֹאַר

מיט דעם וועל מיר צוקומען צום ענין [ליישב הדקדוקים שבפסוק] **כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ.**

---

אופני היתר על ידי רוב וחזקה, שיכולין אף להעלות משם, וכמבואר **בבני יששכר** (אדר ב, ז), עיי״ש באורך. אבל הכא שאני, דדמיא לעדי שקר, דאף שלמעשה אנו סומכין עליהם מדינא כל זמן שלא נתברר לנו שקרותם, אבל בודאי מכיון שהוטעו בבחירתם הרעה של העדי שקר, ולא שנעשה מן השמים ע״י ביטול ברוב וכדומה בשאר סיבות שאינם בכוונה להחטיא בבחירת בשר ודם, בכה״ג לא שייך בזה דברי הבני יששכר, שהרי העם יש להם בחירה לבחור ברע. וכן בגרים אף שלעת עתה למעשה דינם אצלינו כישראל לכל דבר, דהתורה אמרה לסמוך על דרך החקירה והדרישה בסדר הגיור, אבל אם בבחירתם הם מכזבים, הרי קמי שמיא גליא שלא כן הוא, ולכן לענין הוצאת והעלאת הניצוצים שבהם יוכל להתעכב ולהמנע הדבר מחמת זה.

[מה] ובכה״ג נמצא דאף אצלינו לבסוף יוברר הדבר למפרע שלא היו בכלל גרים מתחילה על פי הלכה.

וז״ל רבינו בענין זה **בשו״ת דברי יואל** (סימן צ): ואשר שאל מה לעשות, כפי הנראה מסתפק בדבר אם להסכים שיתגייר, מה אעשה כי אנכי לא אוכל להסכים על זה, דהרי מבואר **בשלחן ערוך** סימן רס״ח סעיף י״ב כשבא הגר להתגייר בודקין אחריו שמא עיניו נתן באשה יהודית. **ובגמרא יבמות** (כד:) הוא פלוגתא דתנאי, דלחד מאן דאמר אינו גר כלל אף בדיעבד כשנתגייר לשם אשה, כסתמא דמתני׳ דמסכת גרים, ולחד מאן דאמר הוי גר בדיעבד, אבל לכתחילה בודאי דאין לקבלו לכל הדיעות, כסתמא דברייתא שהביא אח״כ אין מקבלין גרים לימות המשיח ולא בימי דוד ושלמה. ○ ומבואר **בהגהות מרדכי** פרק החולץ (יבמות שם), דאף לפי פסק ההלכה דהוי גר, אינו אלא לאחר כך, כשאנו רואים שמיישרים דרכיהם, אף על פי שנתגיירו מתחילה לשם אישות. וכן משמע גם לשון **הרמב״ם** ז״ל בפרק י״ג מהל׳ איסו״ב הלכה ט״ז, במה שכתב שהוכיח סופן על תחילתן. ונראה מזה **דאם לבסוף חוזר לסורו, הוברר הדבר למפרע דלא הוי גירות.** וכן מורה גם לשונו שבהל׳ י״ז המובא בשלחן ערוך סימן רס״ח, שכתב הרי זה גר אפילו נודע שבשביל דבר הוא מתגייר כיון שמל וטבל יצא מכלל העכו״ם **וחוששים לו עד שיתברר צדקתו.** ומשמע דספק יש בדבר, עד שיתבררו מעשיו. ○ וזה נראה הטעם שאין מקבלין אותו לכתחילה, דסברא הוא שיחזור לסורו אחר כך. דהרי אף בגרים שנתקבלו כדין שבדקו אחריהם ולא מצאו להם שום עילה, כתב גם כן **הרמב״ם** ז״ל בהלכה י״ח **שרובן חוזרין בשביל דבר ומטעין את ישראל.** וכתב שזה הטעם שאמרו **חכז״ל קשים גרים לישראל כנגע צרעת,** ומימרא זו נאמרה בגמרא **אף בגרים שנתגיירו כדינא,** כמבואר ביבמות (מז:) שבשביל זה מודיעים להם מצות חמורות, דאי פריש ליפרוש, יעיי״ש. וקל וחומר בגר כזה שרואין הסיבה ואהבה התלויה בדבר וכו׳ [ועיי״ש עוד בענין זה].

ועיין בענין זה גם **בשו״ת אבני צדק** (דעעש, אה״ע כו ולח), **ובשו״ת אמרי יושר** (ח״א סימן קעו), עיין שם. וע״ע בזה **בשו״ת מנחת יצחק** (ח״א סימן קכב).

קסו
**הקדמה לישוב קושיא ב-ה**

**קען זיין** [בביאור הפסוק כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה וגו'].

[דהנה] **איך האָב געזאָגט** [לפרש] **ווי דער אור החיים הקדוש טייטשט** (בפרשת יתרו, ובפרשת ראה).

קסז
באור החיים הק' דקדק בפרשת ראה עה"פ אַבֵּד תְּאַבְּדוּן אֶת כָּל הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם אֶת אֱלֹהֵיהֶם עַל הֶהָרִים, דלכאורה מה הפסיק באמצע הענין באומרו 'אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם'

**קודם דער אור החיים הקדוש שטעלט זיך**[מ] [בפרשת ראה, אויפן פסוק] **אַבֵּד תְּאַבְּדוּן אֶת כָּל הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם אֶת אֱלֹהֵיהֶם עַל הֶהָרִים.**

**פרעגט ער די קַשְׁיָא, וואָס האַקט ער עפּעס איבער דעם פסוק** [אינדערמיט, באומרו **'אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם'** דהיה ראוי שיאמר] **אַבֵּד תְּאַבְּדוּן אֶת כָּל הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם אֶת אֱלֹהֵיהֶם, וואָס זיי האָבן געדינט דאָרטן זייער אָפּגאָט,** [ולבסוף אמר בינתיים] **אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם,** [וקשה] **וואָס האַקט ער איבער אינדערמיט צווישן עוֹבֵד און צווישן נֶעֱבַד,** [שהכתוב אומר] **אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם 'אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם', און נאָכדעם גייט ער צוריק אֶת אֱלֹהֵיהֶם עַל הֶהָרִים.** [והרי] **דער** [וואָרט] **אֱלֹהֵיהֶם מוז דאָך אַרויפגיין אויפן** [וואָרט] **עָבְדוּ, פאַרוואָס האַקט ער עס איבער אינדערמיט.**

קסח
ומפרש בזה, כי כשמאבדין אפילו עבודה זרה אחת, מחלישין בזה
גם כליות קומת הסטרא אחרא, אשר תיקון השלם תלוי בזה

**זאָגט ער עטליכע פְּשָׁטִים** [דערויף. און] **איין פְּשַׁט זאָגט ער, אַז דאָס איז מְרַמֵּז אויף עפּעס.**

**זאָגט ער אַזוי. אַז דו ביסט מְאַבֵּד אַן עֲבוֹדָה זָרָה, מילא דאָס אַליין פאַר זיך איז דאָך אַן עִנְיָן** [גדול], **אָבער ס'איז נישט נאָר דאָס, נישט נאָר דו האָסט מְאַבֵּד געווען אַן עבודה זרה אַליין, נאָר דו האָסט שוואַך געמאַכט דעם כֹּחַ פונעם ס"מ,** [ביי] **אַנדערע זאַכן אפילו, אַנדערע זאַכן וואָס דער ס"מ** [טוט].

[ווייל] **זייערע כּוֹחוֹת ווערן אַלע אָפּגעשוואַכט, מיט דעם וואָס דו נעמסט אים צי כֹּחַ אַז דו מאַכסט שוואַך אַן עבודה זרה.**

---

[מ] **באור החיים הק' פרשת ראה** (יב, ב): **ואומרו אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם, יתבאר על פי מה שכתב רמב"ם** (עבודה זרה ז, א) **וז"ל ובארץ ישראל מצוה לרדוף אחריה עד שנאבד אותה מכל ארצינו, אבל בחוץ לארץ וכו' כל מקום שנכבוש אותו נאבד כל עבודת כוכבים שבו עד כאן, כי גדר חיוב איבוד עבודה זרה הוא כל שירשו את המקום אשר היא שמה, והוא אומרו אשר אתם יורשים, כי בגדר זה שוים כל הארץ.** ○ **ואומרו אֶת אֱלֹהֵיהֶם עַל הֶהָרִים וכו', בהעיר למה הפסיק במאמר 'אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם' בין זכרון העובדים והנעבדים, שהיה לו לומר על זה הדרך, עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם אֶת אֱלֹהֵיהֶם וגו' אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם.** ○ **אכן הכוונה היא על דרך מה שאמרו רבותינו ז"ל במסכת עבודה זרה** (מד.) **וזה לשונם, רב הונא רמי, כתיב** (דברי הימים א' יד, יב) **וַיִּשָּׂרְפוּ בָּאֵשׁ, וכתיב** (שמואל ב' ה, כא) **וַיִּשָּׂאֵם** [פירש"י: נטלם עמו, ונהנה מהם], **לא קשיא, כאן קודם שבא איתי הגיתי, כאן לאחר שבא איתי הגיתי, דכתיב** (שם יב, ל) **וַיִּקַּח אֶת עֲטֶרֶת מַלְכָּם מֵעַל רֹאשׁוֹ וגו', ומי שרי וכו', אמר רב נחמן אתא איתי וביטלה, עד כאן. הרי כי יש מציאות לירש גם אלהיהם עצמן, והוא כשהיו עמהם עובדיהם, שיבטלום הם ויהנו מהם ישראל. והוא אומרו אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם, ולא אותם לבד אלא גם אלהיהם, והוא אומרו אֶת אֱלֹהֵיהֶם, ותנאי המשפט רמז הכתוב במה שהקדים מאמר 'אוֹתָם', ואחר כך 'אֶת אֱלֹהֵיהֶם', כדברי הש"ס שאמר אחר שבא איתי הגיתי נהנה דוד בעטרת מלכם.** ○ **ובדרך רֶמֶז יכוין הכתוב לרמוז איבוד לכח הַנֶּעְלָם גם כן, בכח עַם בני ישראל. שכאשר יתעצמו בתעצומות המעשה הטוב, יְאַבְּדוּ נגלה ונסתר מהם, והוא אומרו כָּל הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם, פירוש אשר מגעת שם עבודתם, שהוא כסא ס"מ הרשע לעקרו. כי בנפילת כח זה, יתעצם כח העליון, וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ** (זכרי' יד, ט).

KolSatmar.com

קסט

ולזה רומז הכתוב אַבֵּד תְּאַבְּדוּן העבודה זרה, ובזה תאבדון ותחלישו גם אֶת כָּל הַמְּקֹמוֹת] אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם, באופן כי אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם, להכניע הכל אל הקדושה ולהוציא בִּלְעָם מפיהם, וגם אֶת אֱלֹהֵיהֶם עצמן יוכרע ויפול להקדושה, שהוא כח הס"מ הכללי אשר הוא שורשם ומקורם

זאָגט ער [דזה שאמר הכתוב] **אַבֵּד תְּאַבְּדוּן אֶת כָּל הַמְּקֹמוֹת**, מיט דעם וואָס דו וועסט מְאַבֵּד זיין, וועט זיין [תְּאַבְּדוּן אֶת 'כָּל הַמְּקֹמוֹת'] **אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם**, [סיי] וואו די גוים טוען עפּעס מיט די כּוֹחוֹת פונעם ס"מ, אַלדינגס ווערט אָפּגעשוואַכט[מז].

[און] ער לאָזט אויס צום סוֹף [דבריו], **ביז ס'וועט זיין וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ**. [כי בזה תלוי גמר התיקון השלם].

קע

מיט דעם אַז מ'איז מְאַבֵּד זייערע כּוֹחוֹת, [סיי] **'וואָס' מ'טוט עפּעס, וואָס מ'איז עפּעס 'דערקעגן'**, וואָס מ'טוט עפּעס [כנגד כוחות הסטרא אחרא], **שוואַכט מען אָפּ 'בְּדֶרֶךְ כְּלַל' דעם כֹּחַ פונעם ס"מ**. נישט נאָר דעס [ענין פרטי] וואָס מ'רירט אָן אין דעם, [אלא] אין דער מִלְחָמָה [כלליות], אין דעם אֲבַדוֹן.

קעא

וכן לעומת זה אם ח"ו עובדין עבודה זרה, הרי מגבירין בזה כח הסטרא אחרא. וכעין שמפרש באור החיים הק' בפסוק לֹא 'יִהְיֶה' לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי, שאתה בעבודתך הוא שמהווה אותו להיות בו הוייה וכח, ובפרט באם העובר ועובד הוא בר ישראל, שאז מוסיף בו כח יותר ח"ו, וזהו אומר 'לְךָ'

.. [וכן לעומת זה בהיפכו ח"ו] **זאָגט ער אַליין, דער אור החיים הקדוש זאָגט**[מח] [בפרשת יתרו, אויפן פסוק] **לֹא 'יִהְיֶה' לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי**, זאָגט ער אַזוי, די עבודה זרה אַליין האָט נישט קיין כֹּחַ בְּעֶצֶם. [והגם] זי ווייזט מוֹפְתִים, טאַקע [דורך] דער ס"מ, אָבער ס'האָט נישט קיין כֹּחַ. [נאָר] דער כֹּחַ נעמט זיך פון דעם **וואָס מ'דינט זי**.

אָבער - זאָגט ער - **אַז אַ איד דינט זי**, דאָס איז גאָרנישט קיין דִּמְיוֹן, זי באַקומט אַ שטאַרקערן כֹּחַ ווי פון דעם גוֹי'ס דינען.

אַזוי זאָגט דער **אור החיים הקדוש**.

קעב

ואפשר לרמז זה לדרכינו גם בפרשת ראה, בלשון שאמר אֲשֶׁר 'אַתֶּם' יֹרְשִׁים אֹתָם, שרומז גם על ההיפוך שבכחכם תלוי הדבר, שאם תעבדוהו יהיה בו יותר כח

מיט דעם קען מען פאַרשטיין [נאך אַ דיוק בפרשת ראה, אין] דעם פסוק **אַבֵּד תְּאַבְּדוּן אֶת כָּל הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם אֲשֶׁר 'אַתֶּם' יֹרְשִׁים אֹתָם**, אַז 'עטס' וועטס יַרְשֶׁ'נֶען די עבודה זרה'ס, דעמאָלטס **אֶת 'אֱלֹהֵיהֶם'**, ווערט עס 'הערשט' אַן אֱלֹהוּת, דעמאָלטס הערשט וועט עס ווערן.

קעג

אַזוי ווי בעוונותינו הרבים היינט, אַז מ'איז כּוֹבֵשׁ די מְקוֹמוֹת [שכבשו עתה בארץ

---

[מז] ולזה הפסיק ואמר אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם, כדי שגם תיבת 'אֶת אֱלֹהֵיהֶם' ישתמע על הירושה, כי במה שיאבדו כוחו, יירשו גם אותו ואת כל קומתו להכניע הכל להקדושה, ולהוציא בִּלְעָם מפיהם. וכעין הדרך הקודם שמפרש שם על פי דרך הפשט.

[מח] **באור החיים הק' פרשת יתרו** (כ, ג): עוד ירצה לומר, כי כל עבודה זרה שבעולם, אין פעולת העובד פועלת הַדְּרָגָה בנעבד לעשותו אלהים, כאשר תַּעֲשֶׂנָּה פעולת איש ישראל, כי נותן כח גדול בבחינת הרע, וכופה חס ושלום בחינה המעולה לפני בחינת הרע רחמנא ליצלן. והוא אומרו לֹא 'יִהְיֶה לְךָ' אֱלֹהִים, פירוש הויה שלך תעשנו אלהים [אחרים]. - עוד ירצה, כי באמצעות העובד הוא ממציא הויה אחת שהיא [בחינת] אֱלֹהִים [אחרים], מה שלא היה כן קודם.

KolSatmar.com

ישראל, אינאיינעם [מיט] די עֲבוֹדָה זָרָה׳ס, [און] ס׳ווערט אַן עֲבוֹדָה זָרָה ׳שֶׁל יִשְׂרָאֵל׳[מט], ווערט דער ס״מ געשטאַרקט, באַקומט עס ׳הערשט׳ דעם כֹּחַ.

עָוֹן עֲבוֹדָה זָרָה איז גָּדוֹל וְנוֹרָא מְאוֹד, [ובפרט] טאַקע דורך דעם וואָס אידן נעמען עס, און [דורכדעם] וואָס מ׳פריידט זיך מיט דעם[נ], בעונינו הרבים.

קעד

**ישוב קושיא ב-ג**

וזה יש לרמז גם בפרשתן, שאמר כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל ׳אֹיְבֶךָ׳ בלשון רבים, שלא רק על אותה אומה יחידי אותה לוחם, אלא כנגד כל כוחות הסטרא אחרא למיניהם, שכולם יוכנעו ויוחלשו כשתהיה ׳וּנְתָנוֹ׳ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, לאותה אומה האחת. והוסיף לבאר באומרו וְשָׁבִיתָ ׳שִׁבְיוֹ׳, וקאי על הס״מ, שבזה תוציא בלעו מפיו ותעלה מכל מה ששבוי בידו אף במקום אחר

איבערדעם זאָגט ער, כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ, אַז דו גייסט דיך שלאָגן מיט אַן אוּמָה [שהם] עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה, שלאָגסטו דיך נישט מיט דער אוּמָה אַליין, [נאָר דעמאָלטס] שלאָגסטו דיך מיט אַלע כּוֹחוֹת פונעם ס״מ.

ווי דער אור החיים הקדוש זאָגט, [כי] אַז מ׳איז ׳עפּעס׳ מְנַצֵּחַ פון זיינע כּוֹחוֹת, ווערט ער אָפּגעשוואַכט אין ׳אַלע׳ כּוֹחוֹת, איבעראַל.

קעה

[ולזה אמר הכתוב] כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה, אַז ס׳איז אַ מִלְחָמָה, איז עס אַלץ [על] ׳אוֹיְבֶיךָ׳ [לשון רבים]. כאָטשיג ׳וּנְתָנוֹ׳ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, ס׳איז דאָך נאָר אַ יָחִיד (עיין קושיא ב), און לְמַרְאִית הָעַיִן האָסט דאָך נאָר כּוֹבֵשׁ געווען דעם וואָס דו האָסט דיך געשלאָגן מיט אים, דו האָסט נאָר ׳די׳ עבודה זרה מְאַבֵּד געווען, די איינע עבודה זרה.

אָבער דער אֱמֶת איז וְשָׁבִיתָ ׳שִׁבְיוֹ׳ (עיין קושיא ג), אַלע זיינע געפענגעניש רירסטו אָן מיט דעם, ווי דער אור החיים הקדוש זאָגט [בביאור לשון הפסוק] ׳כָּל הַמְּקֹמוֹת׳ אֲשֶׁר עָבְדוּ שָׁם הַגּוֹיִם.

קעו

**ישוב קושיא ה**

ולזה דרשו בספרי אם תעשה כָּל הָאָמוּר בְּעִנְיָן, בקיום כל התורה, ובמלחמה נגד שונאי ה׳, ׳סוֹף׳ שֶׁנְּתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, בגמר התיקון שבאחרית וסוף הימים, אשר כל פעולה של העלאת ניצוצי הקדושה והחלשת כח הסטרא אחרא, הוא מקרב וגורם לתיקון השלם

איי וויאַזוי איז דאָס עפּעס.

[לזה מפרש בספרי] אם תעשה את כָּל הָאָמוּר בְּעִנְיָן, [היינו בשמירת כל האמור התורה, ובפרט בענין המלחמה עם שונאי ה׳], ׳סוֹף׳ שֶׁנְּתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, דער ׳סוֹף׳ וועט זיין, [אַז] דער בורא כל עולמים וועט העלפן וְהָאֱלִילִים כָּרוֹת יִכָּרֵתוּן, די כּוֹחוֹת פונעם ס״מ וועט בָּטֵל ווערן, וְרוּחַ הַטּוּמְאָה יַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ (זכרי׳ יג, ב).

און ס׳וועט נִתְרוֹמֵם ווערן דער קֶרֶן הַקְּדוּשָּׁה, און דער קֶרֶן הַתּוֹרָה, און דער כְּבוֹד שָׁמַיִם.

קעז

איבערדעם זאָגט ער אַז ס׳וועט קומען ביז צום סוֹף, [ווייל] דער פָּסוּק איז דאָ מְרַמֵּז ביז עִיקְבָא דִמְשִׁיחָא.

---

[מט] וכמו שהאריך רבינו בענין זה בס״ג שלח תשכ״ז (לשון קדשו קונטרס ג, בענין ג) עיין שם באורך, ובויואל משה (א, צ-צה). והוא על פי דין המבואר ברמב״ם (עבודה זרה ז, א) ובשלחן ערוך (יו״ד סו״ס קמו).

[נ] במה שהרשעים הציונים כבשו את הכותל המערבי, במלחמת ששת הימים בשנת תשכ״ז.

KolSatmar.com

**דעס זאָגט דאָ דער ספרי, ׳סוֹף׳ שֶׁנְּתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, דאָס גייט ביז צום סוֹף.** [ונרמז בו גם] **מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג** [שבאחרית הימים, שעל זה אמרו בגמרא] **אלא הָוָה** [שכבר התחיל מלחמה זו גם קודם ביאת המשיח, בסוף הדורות][נא].

קעח

ישוב קושיא ד (באופן ראשון)

וכן מה שדרשו דהוא ׳כְּנֶגֶד׳ אוֹיְבֶיךָ, גם הכוונה שהמלחמה הוא לעומת וכנגד כל קומת הסטרא אחרא ואויבי ה׳

[און] **איבערדעם זאָגט דאָס דער ספרי,** [אַז] **כִּי תֵצֵא** [לַמִּלְחָמָה] **׳עַל׳ אוֹיְבֶיךָ, דו גייסט דיך שלאָגן זאָלסט אים בייקומען** [את האומה שלמטה]**, אָבער ס׳איז ׳כְּנֶגֶד׳ אוֹיְבֶיךָ, ס׳איז ׳כְּנֶגֶד׳ פאַר דער גאַנצער זאַך איז עס כְּנֶגֶד.**

קעט

ישוב קושיא א

**ס׳איז נאָך אַ רֶמֶז** [כאן בפסוק, אין דעם] **וואָס ער זאָגט כִּי ׳תֵצֵא׳ לַמִּלְחָמָה.**

קפ

יש תועין לומר שצריך ליכנס בין הרשעים ולהתחבר עמהם, ושם מבפנים ילחמו כנגדם, ויבטלו גזירותיהם נגד הדת. אבל הוא טעות ושקר, כי אי אפשר ללחום כשהוא עמהם מבפנים, וכמו שהחוש מעיד, מלבד שאסור על פי התורה לישב עמהם. אבל האמת הוא שצריך ללחום עמהם דייקא מבחוץ, ואז יש לצפות שנתנו ה׳ אלקיך בידיך

[דהנה] **ס׳איז דאָ אַזעלעכע וואָס זיי זאָגן, טאַקע ווי די עֵצָה פון בִּלְעָם׳ן**[נב]**,** [אַז מ׳זאָל] **זיין ׳גוטע ברודער׳** [מיט יעדעם]**, מ׳זעמיר דאָך ׳פון איין מִשְׁפָּחָה׳, אַלעס איז פון אַבְרָהָם אָבִינוּ׳ס מִשְׁפָּחָה**[נג]**. מ׳איז געווען אינאיינעם, און אַזוי איז מען אַריינגעפאַלן** [בעצת שטים].

קפא

**ס׳איז דאָ היינט אויך וואָס זאָגן אַזוי, וועל מיר זיצן צוזאַמען, יעדער וויל ׳אַריינגיין׳** [במקום ישיבת הרשעים וחבורתם] **און ׳אָפּלעקן׳ פון דעם** [ביטערן] **לִוְיָתָן**[נד]**,**

---

[נא] וכמו שהאריך רבינו בענין זה לעיל בהדרוש (בהנדפס בחלק א׳ של הקונטרס) בביאור לשון הגמרא בברכות (י.) שבענין גוג ומגוג, **אלא הוה, הכא נמי הוה.**

[נב] כמבואר בבמדבר רבה (כ, כג): וַתִּקְרֶאןָ לָעָם לְזִבְחֵי אֱלֹהֵיהֶן (בלק כה, ב), שהלכו בעצתו [של בלעם], שנאמר (מטות לא, טז) הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּדְבַר בִּלְעָם לִמְסָר מַעַל בַּה׳. עשו להם קלעים והושיבו בהם זונות ובידיהן כל כלי חמדה וכו׳, כשישראל עוברין ליטול חפץ בשוק זקנה אומרת לו בחור אי אתה רוצה כלי פשתן שבא מבית שאן, והיתה מראה לו ואומרת לו הכנס לפנים ותראה חפצים נאים, הזקנה אומרת לו ביותר, וילדה בפחות, מכאן ואילך אומרת לו ילדה הרי אתה כבן בית, שב ברור לעצמך, וצרצור יין מונח אצלה, ועדיין לא נאסר יין של גוים, נערה יוצאה מקושטת ומבוסמת, ומפתה אותו ואומרת לו למה אנו אוהבין אתכם ואתם שונאין אותנו, טול לך כלי זה חנם, **הלא כֻּלָּנוּ בְּנֵי אִישׁ אֶחָד, בְּנֵי תֶּרַח אבי אברהם, אין אתם רוצים לאכול** מזבחותינו ומבשולינו, הרי לנו עגלים ותרנגולים, שַׁחֲטוּ כמצותכם וְאִכְלוּ, מיד משקהו היין ובוער בו השטן, היה נִשְׁטֶה אחריה, שנאמר (הושע ד, יא) זְנוּת וְיַיִן וְתִירוֹשׁ יִקַּח לֵב.

[נג] כי מִדְיָן הוא מבני קטורה, שנולדו מאברהם. וּמוֹאָב בא מלוט בן הרן אחי אברהם.

[נד] דיש בחינת לויתן מצד הסט״א הנקרא כן, הנזכר בפסוק בישעי׳ (כז, א), וכמבואר בזוהר הק׳ (ח״א קלה: ח״ב רסו. ח״ג רעט:), **ובלקוטי הש״ס להאריז״ל** (מסכת אבות, במשנה דהרחק משכן רע). וכן נזכר זה **בגמרא בבא בתרא** (עד:).

וז״ל **היערות דבש** (ח״א דרוש ז): ועם מי ה׳ משמח, עם לויתן, אשר יש בו שני פירושים, ושניהם אמת. כי הצדיקים נקראים לויתן, לשון דבוק, שדביקים בה׳, כדכתיב (ואתחנן ד, ד) וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים וכו׳, והם לִוְיַת חֵן (משלי א, ט. ד, ט). וגם הסטרא אחרא הן לויתן נחש בריח ונחש עקלתון (ישעי׳ שם), והוא אשר יהיה נהרג לעתיד לבא והקב״ה שוחק עליו, שאתה אמרת אל יברא, חזי כי אין אדם עלול לחטא לולי הסתתך.

KolSatmar.com

[דהיינו] מ׳ווילל **נֶהֱנֶה זיין פון דעם**[נה]**, פון ׳דער׳ מְלוּכָה הַטְמֵאָה.**

קפב

[און ווען מ׳פרעגט אים] **איי פַּארוואָס זיצטו ׳אינעווייניג׳** [בחבורת הרשעים, ענטפערט ער] **ווייל דאָרטן וועל איך ׳לוֹחֵם׳ זיין,** [ווען] **כ׳וועל זיצן אינעווייניג, כ׳וועל אַריינגיין צווישן זיי, כ׳וועל זיצן מיט זיי און אַזוי אַרומער וועל איך לוֹחֵם זיין.**

קפג

**נו יעדער זעט דאָך** [שוין] **היינט אַז דאָס איז שֶׁקֶר וְכָזָב, דעס גאַנצע** [תירוץ] **איז** [נאָר] **אַ סַמְיוּת עֵינַיִם** [לכסות עיני העם, שלא יפקפקו וימחו נגדם].

[און] **ס׳איז שוין בּאַלד נישט קיין סַמְיוּת עֵינַיִם, מ׳ווייסט שוין אַז ס׳איז גאָרנישט.**

**אָבער על כל פנים דאָס איז דער ׳פּאָדעם׳** [מיט וואָס מ׳ציט אריין דערצו].

**דאָס איז דער ׳שמועס׳, דאָס איז דער אופן** [של הסתת היצר, אז מ׳זאָגט] **כ׳וועל ׳אַריין גיין׳.**

קפד

וזה שרמז הפסוק באומרו כִּי ׳תֵצֵא׳ לַמִּלְחָמָה, דצריך אתה לצאת מהם, וללחום עמהם מבחוץ דייקא.

והוא על דרך המבואר בספרים דהפסוק רומז כאן על מלחמת היצר, והמלחמה עם שונאי הד

[איבערדעם] **דער פסוק זאָגט** [אָבער, כִּי ׳תֵצֵא׳ לַמִּלְחָמָה], **אַז דו ווילסט לוֹחֵם זיין** [׳כְּנֶגֶד׳ אוֹיְבֶיךָ], **מוזטו ׳אַרויס גיין׳ !**

**איבערדעם זאָגט ער נישט כִּי ׳תִלָּחֵם׳,** [ווייל אויף דעם לשון] **כִּי תִלָּחֵם קאָן מען קלערן** [אַז] **איך וועל ׳אַזוי׳ לוֹחֵם זיין** [באופן שאכנס ביניהם].

**אַז ס׳גייט אויף מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר** [כמבואר בספרים הק׳. ושמא יאמר] **איך וועל מיך מיט אים חַבֵר׳ן, איך וועל מיט אים זיין אַ גוטער ברודער, און ׳אַזוי׳ וועל איך לוֹחֵם זיין.**

**ווען ער זאָגט געוועזן כִּי ׳תִלָּחֵם׳, וועט מען מיינען איך קריך אַריין** [דאָרט, און] **איך וועל נאָך ווערן אַ שׁוּתָּף אינאיינעם.** [ועל ידי כך אוכל ללחום בו].

[אָבער] **די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זאָגט ניין !**

**כִּי ׳תֵצֵא׳** [לַמִּלְחָמָה], **דו מוזט ׳אַרויס גיין׳ פון דאָרטן !**

קפה

**ישוב קושיא ד-ה (באופן שני)**

וזה שדרשו ׳כְּנֶגֶד׳ אוֹיְבֶיךָ, שצריך המלחמה להיות בהתנגדות גמור לאויביך, ולא שתשב ותתחבר עמו

[ולזה מפרש בספרי] **׳כְּנֶגֶד׳ אוֹיְבֶיךָ,** [לאפוקי דו] **זאָלסט נישט זיין קיין ׳גוטער ברודער׳ מיט אים.**

---

[נה] להשיג מהם ממון וכבוד וממשלה, וכדומה. - וז״ל רבינו בס״ג **קרח תשכ״ז** (לשון קדשו קונטרס ד בענין ח, אות קכד בכרך החדש): **זיי אַליין** [הכופרים עצמן] **זאָגן ניטאַמאָל** [אַזוי], **זיי זאָגן נישט קיין נִסִּים, זיי זאָגן גאָרנישט, זיי זענען גאָרנישט מזכיר השם יתברך. נאָר די ׳נאָכשלעפּערס׳, די ׳דתיים׳, די וואָס זיי ווילן זיך נאָכשלעפּן** [און] **לעקן,** [זיי ווילן] **לעקן** [און] **נעמען אַ טייל פון דעם ׳בֵּיינְדְל׳** [של הכופרים], **פון דעם ׳ביטערן לִוְיָתָן׳, פון דער תְּמוּרָה פון דער פאַלטשער גְאוּלָה, זיי ווילן נֶהֱנֶה זיין מֵהֶם, וּמִכְּבוֹדָם, וּמֵהֲמוֹנָם, וּמִמָּמוֹנָם, ווי מ׳זעט. זיי ווילן נֶהֱנֶה זיין פון זיי, די שלעפּן עס אַריין אין ׳נִסִּים׳, און מיט דעם פאַרפירט מען דעם לֵב הַהָמוֹן.**

KolSatmar.com

קפו

וזהו גם כן מה שדרשו אם תעשה את כל האמור בענין, שלא להכנס לשם, רק ללחום עמו מבחוץ דייקא, אז תזכה כי סוף שנתנו ה׳ אלקיך בידך, שהאויב יהיה נמסר בידך. משא״כ אם תתחבר עמו, תהיה ח״ו אתה נמסר בידו, ולא הוא בידך

[און] דאָס זאָגט דער ספרי [עוד], **אִם תַּעֲשֶׂה אֶת כָּל ׳הָאָמוּר בְּעִנְיָן׳** [לצאת כנגד אויביך, וללחום ׳מבחוץ׳], **אַזוי אַרומער קאָן מען האָפן אַז דער ׳סוֹף׳ וועט זיין** [וּנְתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ ׳בְּיָדֶךָ׳].

קפז

**אָבער אַז דו וועסט דיך מְחַבֵּר זיין, דו וועסט דאָרט ׳אַריין גיין׳, צווישן זיי, וועסטו גאָרנישט** [אויפטון. נאָר] **פונקט פאַרקערט, וועסטו קומען צו ׳זיי׳ אין די הענט אַריין׳**[נו].

---

[נו] ועיין עוד באורך בענין זה בדברי רבינו בויואל משה (א, קח-קכ), בבירור ההלכה והמציאות, ושם תבין כוונת רבינו בכאן. ונעתיק מדבריו מה שנוגע לענינינו. וז״ל שם (בסימן קח-קי): ומעתה ניחזי אנן בנידון דידן בדין **כניסה לבית המינים שקורין אותו כנסת**, דהנה זה ודאי ברור בלי שום ספק שא״א להקל יותר בכניסה לבית מינים מכניסה לבית עבודה זרה וכו׳. עכ״פ לדינא במקום שאין פיקוח נפש ממש ודאי דאין שום היתר **אף לעבור אפיתחא דאותו הכנסת שהוא בית מינים, ומכל שכן ליכנס לתוכו, ואף לראותו אסור** כמו שהבאתי מהרמב״ם ז״ל בבית עבודה זרה, ומכל שכן **בבית מינים שחמור יותר וגם מושך** רחמנא ליצלן. אבל במקום סכנה הוא תלוי בדיעות וחילוקים שהבאתי למעלה בבית ע״ז. אבל כל זה הוא כשהכניסה לשם הוא אך להנצל מהריגה וכו׳, אבל אם הוא באופן חשיבות ועילוי להם הוי לכו״ע באיסורא דיהרג ואל יעבור, כמבואר כ״ז לעיל. **אשר על כן הנכנסים לשם ליתן להם עילוי וחשיבות של שרי מלוכה, הוא איסורא שאסור לעשות כן אף בשביל להנצל מהריגה, ומכל שכן אלו ההולכים שם להשתתף עמם ולהתקשר עמהם בשבועה ונותנים הודיה לחלקם שזכו לאותה המלוכה** רחמנא ליצלן, **כבר בתחלת הכניסה בלבד עוברים באיסורא דיהרג ואל יעבור** וכו׳. ○ **והאחרון הכביד שעל ידי שמשתתפים גם שומרי תורה ומצות בתוך אותה המלוכה השפלה של הציונות הטמאה** רח״ל, ועובדים אִתָּם יחד בשירות עניני המלוכה, מלבד שעוברים באותה המעשה על הרבה איסורים נוראים שכל א׳ וא׳ מהם הוא ביהרג ואל יעבור, כאשר נתבאר למעלה, אבל עוד חמור יותר שע״י השתתפותם עמהם **מכשירין את מעשה הציונות בפני כל העולם** עד שבעוה״ר נעשה כל העולם מוכשר לקבל טומאה וכו׳.

ועוד שם (בסימן קיג-קיד): וחוץ לזה הנה לא מסתפק שום אדם כי אותה המלכות מעברת על הדת וחפצה לעקור האמונה וכל התורה כולה וכו׳, אלא שמפחדים קצת מן העולם. ובודאי שמתושביהם לא היו מפחדים כלל, כי שם הכל תחת ממשלתם והמשטרה שלהם, אלא שאינם יכולים לעשות שם הכל, מפחד של חוץ לארץ וממגבית הממון שבחוץ לארץ שבזה תלוי קיומם. גם בושים עדיין קצת מן האומות אם יראו ששומרי התורה מתנגדים להם וכו׳, אבל כיון שכל מפלגות הדתיות המה שותפים באותו המגבית, גם האגודה משתתפת בכל מיני גבית הממון שלהם, והכל נוגעין בדבר, ומכסין מן ההמון ואין מודיעין להם שבממונם מעבירין על הדת, לכן עושין מה שעושין העברה על הדת בעזות וחציפות. ○ ולא עוד אלא אפילו כשעושין איזה מחאות נגדם בזעקה וכאב לב נגד העברת הדת וחילול ה׳ ותורתו הק׳, שבושים בזה בפני העם ובפני האומות, וזה מועיל לפעמים וכו׳, ולכן כשיש צעקה ומחאה בחוץ נגד זה עד ששומעין גם האומות שעדיין יש בישראל שומרי תורה ומצות שנותנים נפשם על התורה הקדושה ומוכנים ללחום עבור כבוד ה׳ ותורתו הקדושה, זה להם לבושה וכו׳. ○ ואין ספק שיש לחשוב אפשרות שיהיה אולי קצת תועלת במחאות כאלה, שימנעו על כל פנים לפעמים מלהרבות כל כך בגזירות של הפרת הדת, שהחיוב למסור נפשו על זה וכו׳. ○ ומלבד שיש לחשוב בזה על תועלת כמו שכתבתי, ברור שגם עצם הענין של הפירסום בזה הוא קידוש השם גדול וכו׳. וכל אשר עינים לו שלא נתפס באותה התאוה הרעה של הקמת מדינה לפני הזמן בכח המינות שיש בזה, גם אינו משוחד מהממון וכבוד המגיע מאותה האמונה שבמלכות של כפירה רחמנא ליצלן, רואה האמת ברור את הקידוש השם העצום שיש במחאות הנ״ל. והעיקר שגם זה ברור שיש לחשוב בזה על תועלת כמו שכתבתי. ○ אבל דא עקא שכל הדתיים המשתתפים עם מלכות המינות, והאגודאים בתוכם, מחפין עליהם ועומדין על ימינם להצילם מכל נזק והפסד ובושה, ועוד מתנפלים על היראים שלוחמים במסירות נפש עבור כבוד השי״ת ותורתו הק׳, בזה ודאי נותנים להם כח וחיזוק גדול שיעיזו פניהם יותר להעביר על הדת באין מפריע וכו׳.

ועוד שם (בסימן קטז-קכ): **ומה שאומרים שעושין כל זה לשם שמים, לפעול אצלם תיקונים בדת ולעשות פשרות בדרך עבירה לשמה, אין זה אלא דברי תימה** מכמה טעמים ברורים. ראשית הוא דבר ברור שאף אילו היו כל החמשה האגודאים היושבים שמה בשלחן אחד עם הפרוצים והפרוצות צדיקים גמורים, שאין להם נגיעה אלא בלתי לה׳ לבדו, **לא היה בכחם לפעול ולהשפיע** על מאה אפיקורסים שמתכוונים להעביר על הדת וכו׳. ואין להסתפק כלל שֶׁמָּה שנמנעים הממשלה לפעמים באיזה ענינים של הפרת הדת, **הוא רק מפחד של חוץ לארץ** שלא ישמע קולם של מגידי אמת עליהם בחוץ, ובטח לא מפחד החמשה האגודאים שנותנים להם אותו

KolSatmar.com

קפח

## ברכת הקודש

**דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל העלפן: אַז מ'זאָל זיך האָבן אין די הענט.**
**וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, מ'זאָל 'זיך אַליין' האָבן אין די הענט.**
**מ'זאָל נישט אַריינגעכאַפּט ווערן בעונינו הרבים, פון** [דעם] **זֶרֶם הָעוֹלָם.**

**הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְרַחֵם,** [ער] **זאָל אויפהייבן אידישע הערצער, מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין אין די יְמֵי אֱלוּל - פאַר די הייליגע טעג - ס'זאָל שוין זיין דער בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו, ווי דער מדרש זאָגט**[נז] [דקאי על לעתיד לבא, ווען] **מ'וועט קומען אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה, וואָס ס'וועט זיין לעתיד.**

---

הכבוד לישב במלכותם, וכל קיומם וחיותם הוא מהם ובידם המה, ויודעים היטב שאין להם לירא מהם מאומה. ובקשות ותחנונים בודאי אינם מועילים, כי עניני הדת בנפשם הוא וכו'. ובפרט שזה כל מגמתם לישב בטח בלא תורה ואמונה. ○ **וכל מי שיש לו מח בקדקדו יוכל להבין ברור, כי אילו לא היו משתתפים האגודה ביניהם ומתחממים מהם, היו יכולים ללחום יותר בחוץ לארץ עבור התורה הק', והיו באים לעזרת ה' בגבורים כדת של תורה, והיה בזה כח גדול של עוד כמה רבנים וראשי ישיבות, והיה בזה השפעה יותר גם על ההמון, ובודאי היה בזה פעולה גדולה למנוע אותם מהרבה גזירות ועניני העברת הדת.** ויוכל להיות שאז היה מועיל אצלם גם בקשות ותחנונים, שהיו פונים יותר לדברי יראי ה' מחמת שלא היה להם חיזוק כל כך מכל מיני דתיים. **לא כן עכשיו, שגם האגודה ביניהם ובידם, ויש להם מזה חיזוק רב, הפסידו הכל.** ○ ומה שנמנעים באיזה ענינים לעשות נגד הדת הוא ברור שאין זה אלא מפחד העולם שבחוץ לארץ, ומאותן שלא נכנסו בשום מפלגה ולא נתעוררו עיניהם, ויכולים להגיד האמת. **אולם אנשי האגודה מענה בפיהם שכוחם ועוצם ידם פעלו זה והכל הוא משלהם,** אבל משכיל על דבר לא יסתפק בזה, ויודע שנהפוך הוא. ואוכל לברר על כל פרטי מעשיהם ודבריהם שישיבתם ביניהם אינו אלא קלקלה, אלא שאין רצוני להאריך בקונטרס הזה בפרטי המעשיות, אבל האמת עד לעצמו. ○ והלא עוד בשנים הראשונים של התייסדות הציונות שהיו אז הציונים רק איזה אלפים מועטים, והיראים היו אז הרבה מאות אלפים, וטענו אז המסיתים והמדיחים שיתחברו כל היראים עם הציונים ובודאי יתקנו את הכל, כי הציונים היו אז מיעוטא דמיעוטא, ובודאי תתבטל דעתם ברובא דרובא. וטענה זו תפסה אז איזה לבות התמימים, **אבל כל הגדולים וצדיקים צעקו אז שחלילה להתחבר עמהם שלא יצמח מזה אלא קלקלה, כי על הציונים אי אפשר להשפיע מאומה, וכל באיה לא ישובון, אלא אדרבה יהיו נמשכין אחריהם** ע"ז הרבה מהיראים, כי שאני מינות דמשכי, **וכמבואר כל זה בספר אור לישרים הנדפס בשנת תר"ס בעצת הגדולים וצדיקים שהיו אָז.** ובמכתבו של האדמו"ר מליבאוויטש ה"ק הרש"ב זלה"ה הנדפס שם עוד בחייו, **הביא שאותן שהלכו בשיטה זו והתחברו עמהם כדי לתקן, ראו אחר כך שאי אפשר לפעול אצלם מאומה ונפרדו מהם, אבל נחלש כחם מלעשות עוד, יען שהיו בתחלה עמהם,** והזהיר שם במכתבו מכמה טעמים **שלא להתחבר עמהם אפילו כדי לתקן, ושאחר כך אפילו יופרד מהם יחלש כוחו.** וכן היתה דעת כל הגדולים וצדיקים, כאשר יראה הרואה שמה, **וכן שמענו כולנו מפי כל גדולי ישראל במשך כל הדורות.** ○ **אבל כל השקלא וטריא** שהיה בזה היה רק לפי המצב שהיה אז, שהיו היראים רובא דרובא, והיה מקום לטעות שאפשר לבטלם על ידי התחברות, ולכן הוצרכו גדולי ישראל ליכנס בעובי הקורה לדחות טענה זו. אמנם עכשיו שהיראים המה מיעוטא דמיעוטא בתכלית המיעוט בכל העולם, ואפילו אילו ילכו כל היראים שבכל העולם להבחירות אי אפשר להם להגיע אלא למספר מיעוטא דמיעוטא בתכלית המיעוט נגד רובא דרובא דעלמא בתכלית הרוב, שהמה בדעה אחת בענין הפרת הדת, **תו אין מקום להעלות על הדעת להשפיע עליהם על ידי התחברות.** ○ הנה כתבתי כל זה יען שהאמת הוא כן, אבל לדינא בנידן דידן אין נפקא מינה, **כי אף לו יהא כדבריהם שעושים תיקונים, אבל כיון שכבר נתבאר שבלקיחת חבל בתוך אותה השררה של מלכות המינות טרם זמן הגאולה בחוקים ומשפטים כאלה, יש בזה כמה וכמה איסורים נוראים, שכל אחד ואחד מהם הוא ביהרג ואל יעבור, האיך אפשר להתיר זה אפילו עבור תיקונים גדולים, יהיה איך שיהיה וכו'.** ○ **ובאמת שכל היושבים שמה במקום טמא עם הפרוצים והפרוצות שכל מחשבתם למינות וכפירה, ישיבתם שמה משפיעה להיות נמשכין אחריהם.** וכתב האלשיך (משלי ד, יד) שאל תבטח בעצמך גם בהחזיקך בחכמה ומוסר ללכת באורח רשעים, כי דע איפוא שלא יסכון לך כל זה אם לא תמנע רגלך מאורח רשעים, כי הלא יכשילוך ויוכלו לך, ולא בלבד לכתך בעצתם או שבתך אתם, כי אם אף מליכנס בדרך אשר המה בו תשמר וכו', יעו"ש שהאריך טובא. **ומכל שכן היושבים אִתָּם זמנים מרובים, ויש להם מישיבתם ביניהם ריוח גדול של כבוד וממון ופרנסות וכדומה, שזה שוחד עצום, שצריכין למצוא חן בעיניהם, שבודאי אי אפשר להם ללחום עמהם כראוי, אלא אדרבה נמשכין אחריהם.** [ועיין עוד בס"ג יתרו תשכ"ב, בביאור ענין יתרו 'שברח' מהג' שישבו בעצת פרעה].

[נז] במדרש המובא בבעל הטורים. והביאו רבינו לעיל בהדרוש (בהנדפס בחלק א' של הקונטרס) והאריך בביאורו.

KolSatmar.com

**מ׳האָב מיר נאָך די געציילטע טעג, ביז צו די הייליגע טעג.**
**[וועגן] מ׳וועט נאָכאַמאָל דַן זיין אויפן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און אויפן פְּרָטִיוּת.**
**מ׳זאָל שוין געהאָלפן ווערן בִּמְהֵרָה, [און] אַרויסגיין פון דעם חַשְׁכוּת.**

**מַה נֹּאמַר וּמַה נְּדַבֵּר.**
**אֵין לָנוּ עַל מַה לְהִשָּׁעֵן אֶלָּא עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם.**

**דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זאָל העלפן: מ׳זאָל מיר נאָך זוֹכֶה זיין צו טון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, אין די פּאָר טאָג ביז צו די הייליגע טעג.**
**מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין אין די הייליגע טעג, מ׳זאָל דָבוּק זיין אין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.**
**מ׳זאָל מיר זיך אויסבעטן אַ שְׁנַת גְּאוּלָה וִישׁוּעָה, אַ שְׁנַת רַחֲמִים וְרָצוֹן, פאַרן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און פאַרן פְּרָטִיוּת.**
**מ׳זאָל מיר נִיצוֹל ווערן מִכָּל צָרָה וְצוּקָה, בְּכָל מְקוֹמוֹת מוֹשְׁבוֹתֵיהֶם.**

**בִּמְהֵרָה זאָל מיר געהאָלפן ווערן מיט אַ יְשׁוּעָה אֲמִתִּית, בְּהִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל, וּבְהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.**

## • וַאֲחֵיכֶם כָּל בֵּית יִשְׂרָאֵל יִבְכּוּ אֶת הַשְּׂרֵפָה אֲשֶׁר שָׂרַף ה׳ •

יחד עם כל בית ישראל מבכים אנו הסתלקותו של האי צדיק, ירא חטא, עובד ה׳ מנעוריו, חסידא ופרישא, עמוד צלותהון דישראל בנעימות דקדושה, אוהב ישראל ומסביר להם פנים בענוות חן קדשו. עורר תמיד לקדושת עינים ומחשבות טהורות, ועמד בפרץ למנוע כלי משחית, ורבים השיב מעון וקרבם לתורה, מסר נפשו עבור מוסדות חסד לאברהם על טהרת הקודש

כ״ק אדמו״ר הרה״ק

**רבי ישעי׳ יעקב זצוק״ל פארטוגאל**

**בן הרה״ק רבי ישראל אברהם זצוק״ל מסקולען**

יצאה נשמתו בטהרה במוצש״ק ה׳ אלול תשפ״ד

היה מקושר באילנא דחיי, מימי נעוריו נתגדל במוסדות רביה״ק זי״ע בקרוינהייטס ובהישיבה בסענדז סטריט. וכן כתב על עצמו: ״וכאחד מצעירי תלמידי רבינו הק׳ זצ״ל, אשר בחסד ה׳ זכיתי להמנות ביניהם, בהיותי מסתופף רוב שנות הילדות והבחרות בצל קדשו, ללמוד בין כותלי ישיבתו ובתי תלמוד תורה שלו״ (בהסכמה לספר באילנא דחיי).

היה דבוק בספרי רביה״ק, ובישבו על כסא הרבנות בביהמ״ד מאור הגולה לימד ברבים חידושי תורתו מידי שבוע בשבוע בס״ג והיה רגיל לומר ״זאָגט דער רבי!״. ומעת שיצא לאור קונטרסי ״לשון קדשו״ למד בזה הרבה ונהנה מזה מאוד, ולאחרונה הביע לנו שביעת רצון מזה באמרו: ״יעדעס מאָל ווען איך זע דעם קונטרס האָב איך הנאה דערפון!״, גם השתתף מעצמו בההוצאות לעילוי נשמת קרוביו.

**תנצב״ה**

KolSatmar.com